געדייהען הַצְלֵחַ, גַּדֵּל

געדיכט דָּחוּס, סָמִיךְ

געדיכט שִׁיר, פִּיּוּט

געדעכטניס זֵכֶר, זִכָּרוֹן, מַזְכֶּרֶת

געדענקען זָכֹר

געדענקשפרוך מוֹטוֹ, פִּתְגָּם

געדערים מֵעַיִם

געדרענג לַחַץ

געהאלט מַשְׂכֹּרֶת, שָׂכָר

געהארזאם סָר לְמִשְׁמַעַת, מַקְשִׁיב, שׁוֹמֵעַ

געהארכען שְׁמַע בְּקוֹל

געהויבען מְרוֹמָם, נִשָּׂא

געהייל מְהִירוּת, הֲחָשָׁה

געהיים סוֹד, אין געהיים בְּסוֹד; געהיימע לעהרע תּוֹרַת הַנִּסְתָּר, קַבָּלָה

געהיימניס דְּבַר סֵתֶר, מִסְתָּר, סוֹד, רָז, תַּעֲלוּמָה

געהיים שריפט כְּתַב־סֵתֶר

געהילף עוֹזֵר, עוֹזֶרֶת

געהילץ עֵצִים, חֹרֶשׁ

געהירען מֹחַ

געהירען־ענטצינדונג דַּלֶּקֶת הַמֹּחַ

געהען הָלֹךְ, דאס בוך געהט זעהר גוט הַסֵּפֶר נִמְכָּר יָפֶה; ס׳געהם אים גוט מַצָּבוֹ טוֹב; ס׳געהט אים זעהר שלעכט מַצָּבוֹ רַע מְאֹד; ווי געהט עס מַה שְּׁלוֹמְךָ? דאס ווערט ניט געהן! הָיֹה לֹא תִהְיֶה

געהער חוּשׁ הַשְּׁמִיעָה

געהער הוֹלֵךְ, הֶלֶךְ

געהעריג כָּרָאוּי, כִּדְבָעֵי

געהעריגקייט שַׁיָּכוּת

געהערען הָיָה שַׁיָּךְ

געוואר ווערען הִוָּדַע

געוואוינהייט הֶרְגֵּל, מִנְהָג, רְגִילוּת

געוואוינט רָגִיל

געוואלט חָמָס, אֹנֶס, אַלִּמוּת

געוואלט הערשאפט שִׁלְטוֹן עֲרִיצוּת

געוואלט טאט חָמָס, עֹשֶׁק, אֹנֶס

געוואלטיג אַדִּיר, כַּבִּיר, חָזָק; גָּדוֹל מְאֹד

געוואנד אָרִיג, צֶמֶר

געוואנדט זָרִיז, מָהִיר

געוויטער קוֹלוֹת וּבְרָקִים, סַגְרִיר

געוויכט מִשְׁקָל, מִשְׁקֹלֶת

געוויכטיג רַב הָעֵרֶךְ

געווין רֶוַח, שָׂכָר, פְּרִי, תּוֹעֶלֶת

געווינס זְכִיָּה בְגוֹרָל, רֶוַח, תּוֹעֶלֶת

געווינען הַרְוֵחַ, הִשְׂתַּכֵּר, רָכַשׁ, זָכָה בְדִין, זָכָה בְגוֹרָל

געווינער זוֹכֶה, מַרְוִיחַ

געווינערען יוֹלֶדֶת

געוויס וַדַּאי, בָּרִי, בָּרוּר, אֶל נָכוֹן

געווּיסהייט וַדָּאוּת

געוויסען מַצְפּוּן

געוויסענהאפט נֶאֱמָן, יָשָׁר

געוויסענסביס מוּסַר כְּלָיוֹת

געווירץ בֹּשֶׂם, תַּבְלִין

געווירצקרעמער סוֹחֵר בִּבְשָׂמִים

געוועב אָרִיג

געוועהנליך בְּנוֹהֵג שֶׁבָּעוֹלָם, כְּנָהוּג, תָּדִיר

געוועהנען לַמֵּד, הַרְגֵּל

געוועהר זַיִן, נֶשֶׁק

געוועהרען הִתְקַיֵּם, הַתְמֵד

געוועזענער מִי שֶׁהָיָה

געוועט הִתְחָרוּת, **געהען אין געוועט** הִתְחָרֵה

געוועלב כִּפָּה

געוועלטיגען שָׁלַט, מָשַׁל

געוועקס קוֹמָה, גֹּדֶל, צֶמַח

געוועקס הויז גַּן חֹרֶף, חֲמָמָה

געזאלבט מָשׁוּחַ

געזאנג שִׁירָה, זִמְרָה, נְגִינָה

געזאנג פעראיין אֲגֻדָּה לְשִׁירָה

געזאנדטער צִיר

געזאנדשאפט שְׁלִיחוּת, צִירוּת

געזונד בָּרִיא, חָזָק

געזונדהייט בְּרִיאוּת

געזונדקייט בְּרִיאוּת

געזיכט פָּנִים, פַּרְצוּף, תֹּאַר

געזיכטס פארב צֶבַע הַפָּנִים

געזיכערט בָּטוּחַ

געזימס כַּרְכֹּב, פְּסִיפָס

געזינד בְּנֵי בַיִת, מִשְׁפָּחָה

געזינדעל אֲסַפְסוּף

געזינונג מַחֲשָׁבָה, דֵּעָה, יֵצֶר

געזעל חָבֵר, שׁוּלְיָא

געזעליג חֶבְרָתִי, מְעֹרָב עִם הַבְּרִיּוֹת

געזעליקייט חֶבְרָתִיּוּת, רֵעוּת

געזעלשאפט חֶבְרָה, חֲבוּרָה, צַוְתָּא

געזעלשאפטליך חֶבְרָתִי

געזעלשאפטער חֶבְרָתִי

געזעס אָחוֹר

געזעץ חק, דִּין, מִשְׁפָּט, הֲלָכָה

געזעץ־בוך סֵפֶר חֻקִּים

געזעצגעבונג חֲקִיקָה, מַתַּן חֻקִּים

געזעצגעבער מְחוֹקֵק

געזעצט מָתוּן, מְיֻשָּׁב בְּדַעְתּוֹ

געזעצטקייט מְתִינוּת, יִשּׁוּב הַדַּעַת

געזעצליך חֻקִּי, עַל פִּי הַחוֹק

געזעצליכקייט חֻקִּיּוּת

געזעצפארשלאג הַצָּעַת חק

געטאקט מְחֻטָּב

געטימעל מְהוּמָה, הֶמְלָה

געטרויען הַאֲמֵן

געטריי נֶאֱמָן

געטריידע תְּבוּאָה, בַּר

געטרייהייט הִתְמַכְּרוּת, מְסִירוּת

געטראנק מַשְׁקֶה

געיעג רְדִיפָה, צַיִד

געל צָהֹב, כָּתֹם

געלאסען נוֹחַ, מָתוּן, בִּמְנוּחָה, בְּנַחַת

געלאסענקייט מְתִינוּת, מְנוּחַת נֶפֶשׁ

געל־ברוין צָהֹב־חוּם

געלד כֶּסֶף, מָמוֹן, מָעוֹת, דָּמִים. **מזומן געלד** כֶּסֶף מְזֻמָּן; **קליין געלד** מָעוֹת קְטַנּוֹת; **ניט זיין בא געלד** הָיָה מַחְסוֹר כֶּסֶף

געלד זאק צְרוֹר כֶּסֶף, אוֹהֵב בֶּצַע

געלד מארק שַׁעַר הַכְּסָפִים

געלד מיטעל אֶמְצָעֵי כֶּסֶף

געלד שטראף עֹנֶשׁ כֶּסֶף, קְנָס

געלד שראנק אַרְגַּז כֶּסֶף, קֻפָּה

געלויפיג שָׁגוּר; שׁוֹטֵף, קַל

געלויפיגקייט שֶׁטֶף (הדבור), קַלּוּת

געלונגען מֻצְלָח

געלוסטען חָמֹד, הִתְאַוֵּה

געלזוכט צַהֶבֶת
געלינגען הַצְלָחָה, עָלֹה יָפֶה
געליעבטע אֲהוּבָה
געליעבטער אָהוּב, דּוֹד
געליעהענער שָׁאוּל
געלכען (פון איי) חֶלְמוֹן
געלענגען מַתְאִים, רָצוּי. געלעגען זין הַתְאֵם. דאס איז מיר ניט געלעגען אֵין זֶה מַתְאִים לִי, אֵין זֶה עִנְיָנִי
געלעגענהייט הִזְדַּמְּנוּת, שְׁעַת כֹּשֶׁר
געלעהרזאמקייט לַמְדָנוּת, יַדְעָנוּת
געלעהרט מְלֻמָּד, לַמְדָן
געלעהרטער תַּלְמִיד חָכָם, חָכָם, לַמְדָן, יַדְעָן
געלענדער מַעֲקֶה
געלקייט כֹּתֶם, צְהִיבָה
געמאכט מְלָאכוּתִי, בִּלְתִּי טִבְעִי
געמבע פֶּה, גָּרוֹן
געמויזעכץ בִּצָּה
געמיזע יְרָקוֹת
געמיזע־הענדלער סוֹחֵר בִּירָקוֹת
געמיטה רוּחַ, נֶפֶשׁ
געמיטהליך נָעִים, נוֹחַ, בְּנַחַת
געמיטהליכקייט הַרְחָבַת הַדַּעַת, נְעִימוּת
געמיין שָׁפָל, נִקְלֶה, דַּל, גַּס, גָּרוּעַ
געמיינדע קְהִלָּה, עֵדָה, קָהָל, צִבּוּר
געמיינהייט נְבָלָה, תּוֹעֵבָה, שַׁעֲרוּרִיָּה
געמיינגאמען שֵׁם הַקִּבּוּץ
געמיינשאפטליך יַחַד, בְּיַחַד עִם, בְּשֻׁתָּפוּת עִם
געמיש תַּעֲרֹבֶת
געמעל תֵּאוּר, צִיּוּר
געמעלדע צִיּוּר, תְּמוּנָה
גענאסע חָבֵר, רֵעַ, שֻׁתָּף
גענוג דַּי, רַב
גענוי מְדֻיָּק, בְּדִיּוּק
גענויקייט דִּיּוּק, דַּיְקָנוּת
גענויט אָנוּס
גענים טַעַם, הֲנָאָה, עֹנֶג
גענזענס בְּשַׂר אַוָּז
גענזענער שֶׁל אַוָּז
גענזער אַוָּז זָכָר
געניגען הַסְפֵּק
געניגענד מַסְפִּיק
געניום רוּחַ גְּאוֹנוּת
געניט מֻמְחֶה
געניטיף יַחַס הַקִּנְיָן

געניטקייט מֻמְחִיּוּת
גענייגט נוֹטֶה
גענייטקייט נְטִיָּה
געניסבאר רָאוּי לַאֲכִילָה
געניעסען טַעַם, אֹכֶל, הֲנָאָה
גענעזונג הַבְרָאָה, הַחְלָמָה
גענעזען הֵרָפֵא, הַבְרֵא
גענעראל־אגענט סוֹכֵן רָאשִׁי
גענעראל־אמט מִשְׂרָה רָאשִׁית
גענעראל־פאסטמייסטער מְנַהֵל הַדּוֹאַר הָרָאשִׁי
גענצליך כָּלִיל, כֻּלּוֹ, לְגַמְרֵי
גענעצען פַּהֵק
געסטערען אֶתְמוֹל, תְּמוֹל
געסעל סִמְטָא, מָבוֹא
געפאנג צַיִד
געפאנגען שָׁבוּי
געפאנגענער שָׁבוּי
געפאנגענשאפט שֶׁבִי, שִׁבְיָה
געפאהר סַכָּנָה
געפיצט מְלֻטָּשׁ, מְקֻשָּׁט
געפיהל רֶגֶשׁ, הַרְגָּשָׁה
געפיהלפול בַּעַל רֶגֶשׁ
געפילאכטס מִלּוּי
געפילדער הֲמֻלָּה, רַעַשׁ

געפינען מָצָא
געפליגעל עוֹפוֹת
געפעהרליך מְסֻכָּן
געפעכט סִיּוּף
געפעליג נָעִים, מַשְׂבִּיעַ רָצוֹן, נוֹחַ
געפעליגסט בְּבַקָּשָׁה
געפעליגקייט טוֹבָה, שֵׁרוּת, חֶסֶד
געפעלען מָצָא חֵן, הֵפִיק רָצוֹן
געפענגניס בֵּית אֲסוּרִים, בֵּית כֶּלֶא
געפעס כֵּלִים
געפעס אלמער אֲרוֹן כֵּלִים
געפעק מַשָּׂא, מִטַּלְטְלִים
געפרוירען קָפוּא מִכְּפוֹר
געצאהלט שָׂכָר, מַשְׂכֹּרֶת
געצוואונגען מֻכְרָח, אָנוּס, בְּהֶכְרָח, בְּאוֹנֶס
געצוואונגענקייט הֶכְרָחוּת, אוֹנֶס
געצייג מַכְשִׁירִים, כְּלֵי מְלָאכָה
געציערט מְקֻשָּׁט
געציערטקייט קִשּׁוּט
געצעלט אֹהֶל
געקוויטעלט מְגֻנָּן בִּפְרָחִים
געקינסעלט בְּאוֹפֶן מְלָאכוּתִי
געקעכטס תַּבְשִׁיל
געראדע זעה **גראדע**

גערַאטען עָלֹה יָפֶה, זיין גערַאטען הָיֹה דוֹמֶה; זי איז גערַאטען אין איר מוטער הָיא דוֹמָה לְאִמָּהּ

גערַאם מְרֻוָּח, גָּדוֹל

גערַאמקייט מֶרְחָב, רְוָחָה

גערבען עַבֵּד עוֹרוֹת

גארבער בּוּרְסְקִי

גערבעריי בּוּרְסְקִי

גערויש רַעַשׁ, תְּשׁוּאָה, הֲמֻלָּה

גערוך רֵיחַ

גערונג תְּסִיסָה

גערטנער גַּנָּן, בֻּסְתְּנָאִי

גערטנעריי גַּנָּנוּת

גערייד שִׂיחָה, דִּבּוּר

געריכט מִשְׁפָּט, דִּין; תַּבְשִׁיל, מַאֲכָל, נָזִיד

געריכטהויז בֵּית מִשְׁפָּט, בֵּית דִּין

געריכטליך בְּאֹפֶן חֻקִּי, עַל פִּי דִין

גערען בְּחֵפֶץ לֵב

גערעטענעס אָדָם מֻצְלָח, אָדָם זָרִיז; יְבוּל טוֹב, שֶׁפַע

גערעכט צוֹדֵק, צַדִּיק, יָשָׁר

גערעכטיגקייט צֶדֶק, יֹשֶׁר

גערעך תָּסֹס

גערשט שְׂעוֹרָה

גערשטענער שֶׁל שְׂעוֹרִים

געשוואולסט מֻרְסָה, שְׂאֵת, תְּפִיחָה

געשווארענע מֻשְׁבָּעִים (בית דין של מושבעים)

געשווארענער מֻשְׁבָּע

געשווילאכץ זעה **געשוואולסט**

געשווינד מַהֵר, בִּמְהֵרָה, בְּחִפָּזוֹן

געשווינדקייט מְהִירוּת, חִפָּזוֹן

געשוויר מַכָּה, מֻרְסָה, חַבּוּרָה

געשוועלען בָּצֵק, צָבֹה, נָפֹחַ

געשטאלט דְּמוּת, מַרְאֶה, תַּבְנִית, תְּמוּנָה, צוּרָה, קוֹמָה

געשטאלטען עַצֵּב, נָתֹן צוּרָה

געשטאנק סִרְחוֹן, צַחֲנָה

געשטעל כֵּן, כּוֹנָנִית

געשייט זָהִיר, פִּקֵּחַ

געשייטקייט פִּקְחוּת, זְהִירוּת

געשיכטליך הִסְטוֹרִי

געשיכטע הִסְטוֹרְיָה, דִּבְרֵי הַיָּמִים, סִפּוּר

געשיכטע שרייבער הִסְטוֹרְיוֹן

געשיקט זָרִיז, מָהִיר, מְאֻמָּן

געשיר כֵּלִים

געשלעג תִּגְרָה, מִלְחָמָה

געשלעכט מִין

גע׳שלעכטליך מִינִי
געשמאק טַעַם אן טעם בְּלִי טַעַם
געשמדט מוּמָר.
געשמדטער האלז תַּאֲוְתָן
געשעהען קָרֹה, הִתְאָרֵעַ
געשעהניס מִקְרֶה, מְאוֹרָע
געשענק מַתָּנָה
געשעפט מִסְחָר, עֵסֶק
געשעפטליך בְּאֹפֶן מִסְחָרִי
געשעפטס פיהרער מְנַהֵל מִסְחָר
געשעפטס צווייג סְנִיף מִסְחָרִי
געשעפטס רייזענדער סוֹחֵר־
נוֹסֵעַ, עָמִיל
געשפאן צֶמֶד, זוּג, רִתְמָה
געשפאנט מָתוּחַ, בְּלִי סַבְלָנוּת
געשפאנטקייט מְתִיחָה, חֹסֶר סַבְלָנוּת
געשפעט לַעַג, קֶלֶס, שְׂחוֹק
געשפרעך שִׂיחָה
געשפרעכיג דַּבְּרָנִי
געשפרענקעלט נָקֹד. (ר. נְקֻדִּים)
געשריפטס כְּתָב, כְּתִיבָה
געשריי זְעָקָה, צְוָחָה, שְׁאָגָה
גראָב שָׁמֵן, בַּעַל בָּשָׂר; גַּס
גראב־בייכיג כַּרְסָן, כַּרְסְתָן
גראבהייט גַּסּוּת

גראבליע מַגָּב, מַגְרֵף
גראבלען חָתֹר, גָּרֹף, צָבֹר
גראבען חָפֹר, כָּרֹה
גראב־יונג עַם הָאָרֶץ, בּוּר
גראָד יָשָׁר, זוּגִי
גראַד מַעֲלָה, מַדְרֵגָה, דַּרְגָּא,
מַצָּב, מַעֲמָד
גראדהייט ישֶׁר
גראדע דַּוְקָא, בְּיִחוּד
גראה זעה גרוי
גראווירען חָרֹת, חָקֹק, פַּתֵּחַ, גַּלֵּף
גראווירער חַקָּק, פַּתָּח
גראז עֵשֶׂב, חָצִיר, דֶּשֶׁא
גראזיג מְדֻשָּׁא
גראטע זעה קראטע
גראטולאציאן בְּרָכָה
גראטולירען בָּרֵךְ
גראם חָרוּז
גראמאטיק דִּקְדּוּק
גראמאטיקער מְדַקְדֵּק
גראמאטיש עַל פִּי דִקְדּוּק
גראמענמאכער חַרְזָן
גראן גֹּרֶן, קוֹרְטוֹב
גראניט שַׁחַם
גראפיניע אֵשֶׁת גְּרַף

גראפשאפט אֶחֻזַּת גְּרָף, מַעֲלַת גְּרָף

גראשען פְּרוּטָה, אֲגוֹרָה

גרוב בּוֹר, שׁוּחָה; קֶבֶר

גרוב ארבעט חֲפִירָה

גרודע רֶגֶב

גרוז מַשָּׂא, מִטְעָן, חֲצָץ, אַשְׁפָּה

גרוי אָפוֹר; לָבָן (שער)

גרויל רַעַד, רֶטֶט

גרויל טהאט מַעֲשֶׂה מַחֲרִיד

גרויליך מְזַעְזֵעַ, מַבְהִיל; קְצָת לָבָן

גרויס גָּדוֹל, רַב

גרויסארטיג נֶהְדָּר

גרויסארטיגקייט פְּאֵר, יִפְעָה

גרויסהאנדעל סִיטוֹנוּת

גרויסהענדלער סִיטוֹן

גרויס הערצאג דֻּכָּס רָאשִׁי

גרויס הערציג נָדִיב

גרויס מוטה נְדִיבוּת

גרויס מוטער אֵם זְקֵנָה, סַבְתָּה

גרויס מוטהיג נָדִיב

גרויס עלטערען אָבוֹת זְקֵנִים

גרויסען הַגְדֵּל, גַּדֵּל. **גרויסען זיך** הִתְגַּדֵּל, הִתְגָּאֵה

גרויס פאטער אָב זָקֵן, סָב, סַבָּא

גרויס פירסט נָסִיךְ גָּדוֹל

גרויסקייט גֹּדֶל

גרויפ גְּרִיס, גֶּרֶשׂ

גרויקייט שֵׂיבָה, אֲפוֹרוּת

גרונד יְסוֹד, עִקָּר. **אין גרונד גענומען** בְּעִקַּר הַדָּבָר

גרונד איינענטהום נִכְסֵי דְלָא נָיְדֵי

גרונד ארטיקעל חֵפֶץ יְסוֹדִי

רונד זאץ עִקָּר יְסוֹדִי

גרונד לאגע יְסוֹד, בָּסִיס

גרונדפעסטיגען יַסֵּד, בַּסֵּס

גרונד צאהל מִסְפָּר יְסוֹדִי

גרונטעווען צַבֵּעַ אֶת הַצֶּבַע הַיְסוֹדִי; הָנֵחַ יְסוֹד

גרוס דְּרִישַׁת שָׁלוֹם, פְּרִיסַת שָׁלוֹם

גרופע לַהֲקָה, קְבוּצָה, חֲבוּרָה

גרופירען סַדֵּר לִקְבוּצוֹת

גריבלען חַטֵּט

גריבעלע גּוּמָה

גריווע רַעֲמָה

גרייז שְׁגִיאָה, טָעוּת, שִׁבּוּשׁ, מִשְׁגֶּה

גרייזיג מְשֻׁבָּשׁ, מֻטְעֶה

גרייזלען סַלְסֵל

גרייזעל סִלְסוּל, תַּלְתַּל

גרייזען שָׁגֹה, טָעֹה, הִשְׁתַּבֵּשׁ

גרייט עָרוּךְ, מוּכָן

גרייטען עָרֹךְ, הָכֵן, הַתְקֵן
גרייכען הַשֵּׂג
גריילִיג און גרייליך נוֹרָא, טוֹב מְאֹד, בִּמְאֹד מְאֹד
גרייפען אָחוֹ, תָּפֹשׂ
גרייצער חוֹלֵץ, מְחַלֵּץ
גריל צְרָצַר
גרילצען צַרְצֵר
גרימצאהרען אַף, כַּעַס, קֶצֶף
גרין יָרֹק
גרינג קַל, נוֹחַ
גרינדונג יְסוֹד
גרינדליך בְּאֹפֶן יְסוֹדִי, עַל בֻּרְיוֹ
גרינדליכקייט עֲמֻקּוֹת, יְסוֹדִיּוֹת
גרינדעל חֲזָוִית
גרינדען יַסֵּד, כּוֹנֵן
גרינדער מְיַסֵּד
גרינליך יְרַקְרַק
גרינס יְרָקוֹת
גרינען יָרֹק, הוֹרֵק
גרינקייט יְרַקְרַקּוּת
גריסען שָׁאֹל בִּשְׁלוֹם, דָּרֹשׁ לִשְׁלוֹם
גריפ שַׁפַּעַת
גריץ גְּרִיסִין, דַּיְסָא
גריקע דְּגַן הָעֲרָבָה
גרעב עוֹבִי
גרעבליך עָב אוֹ גַּם בְּמִקְצָת
גרעט לְבָנִים
גרענדע יַחֲסָנוּת, אֲצִילוּת
גרענעץ גְּבוּל, מֵצַר, תְּחוּם
גרענעצען גָּבֹל
גרעסטענטיילע לָרֹב
גרעפיש שֶׁל גְּרָף
גרעפסען און גרעבצען גַּהֵק

ד.

דא פֹּה, כָּאן
דאביי אֵצֶל; בָּזֶה; שָׁם
דאגהן דָּאֹג
דאגעגען נֶגֶד, לְעֻמַּת
דאדורך עַל יְדֵי זֶה, לָכֵן, בִּגְלַל זֶה
דאהער עַל כֵּן, לָכֵן
דאוונען הִתְפַּלֵּל. דאוונען פארן עמוד עֲבוֹר לִפְנֵי הַתֵּבָה
דאזיין הָיֹה, הִמָּצֵא
דאזים מָנָח
דאזע קֻפְסָה, מָנָח
דאטא שֶׁל תַּאֲרִיךְ

דאטום תַּאֲרִיךְ, זְמַן (כתיבת שטר או מכתב)

דאטירען הֶעֱמִיד תַּאֲרִיךְ

דאָרען קוֹץ, חוֹחַ

דאָך אַף עַל פִּי כֵן, עִם כָּל זֶה, אֲבָל, אוּלָם

דאַך גַּג

דאכטען דִּמָּה, חָשַׁב. **מיר דאכט** כִּמְדֻמֶּנִי; **די זאלסט דאס פאר קיינעם ניט דאכטען** אַל תַּזְכִּיר זאת לְאִישׁ; **ניט פאר אייך גערדאכט** לֹא אֲלֵיכֶם

דאבציגעל קַרְמִיד, רַעַף

דאלך פִּגְיוֹן

דאלמאטש מְתֻרְגְּמָן, מֵלִיץ

דאלמאטשען תִּרְגֵּם

דאמאלט און **דאמאלס** אָז, אֲזַי

דאמאלסדיג שֶׁל הַזְּמַן הַהוּא

דאמיט בָּזֶה, כְּדֵי, בִּכְדֵי, לְמַעַן

דאמע אֲדוֹנָה, גְּבֶרֶת; מַלְכָּה (בשחמט)

דאמפף אֵד, קִיטוֹר

דאמפף מאשין מְכוֹנַת קִיטוֹר

דאמפפען קִטֵּר

דאמפפער אֳנִיַּת קִיטוֹר

דאמפף שיף אֳנִיַּת קִיטוֹר

דאַן אָז, אֲזַי

דאנען, פון דאנען מִפֹּה, מִכָּאן, מִזֶּה

דאנערשטאג יוֹם חֲמִישִׁי בַּשָּׁבוּעַ

דאנק תּוֹדָה, הוֹדָיָה

דאנקבאר מַכִּיר טוֹבָה, מַחֲזִיק טוֹבָה

דאנקבארקייט הַכָּרַת תּוֹדָה, הַחֲזָקַת טוֹבָה

דאנקזאגונג הוֹדָיָה, נְתִינַת תּוֹדָה

דאנקען הוֹדָה, נָתַן תּוֹדָה

דאס (דער די) זֶה, זאת, הַ־. **דאס קינד** הַיֶּלֶד

דאס כִּי, אֲשֶׁר, שֶׁ־, לְמַעַן

דאסזעלבע אוֹתוֹ הַדָּבָר

דאסיגע־גער־געס זֶה, זאת

דאפיר לָכֵן, לְפִיכָךְ, בְּעַד זֶה

דאפלען כָּפֹל, הַכְפֵּל

דאפעלט כָּפוּל, כִּפְלַיִם

דאפעלפונקט נְקֻדָּתַיִם

דאצו לָזֶה, לְזאת, נוֹסָף לָזֶה

דאקומענט תְּעוּדָה

דאקטאריע עֲבוֹדַת רוֹפֵא

דאר כָּחוּשׁ, רָזֶה, צָנוּם

דארויף אַחֲרֵי כֵן

דארום לְפִיכָךְ, לָכֵן, עַל כֵּן

דארונטער מִתַּחַת, לְמַטָּה, בֵּין

דארט און **דארטען** שָׁם, שָׁמָּה

דאריין בָּזֶה, בְּתוֹךְ זֶה

דארין בָּזֶה

דארענדיג מָלֵא קוֹצִים

דארף כְּפָר

דארף־מאן בֶּן כְּפָר, כְּפָרִי

דארען יָבֹשׁ, כָּחשׁ, הֵרָזֵה, הִכָּחֵשׁ

דארפען הִצְטָרֵךְ, הָיֹה צָרִיךְ

דארקייט כְּחִישׁוּת, צְנִימוּת

דבקען (ייד) הִתְפַּשֵּׁט מִגַּשְׁמִיּוּתוֹ

דודע חָלִיל, חֵמֶת חֲלִילִים

דויער קִיּוּם, מֶשֶׁךְ

דויערהאפט חָזָק, מִתְקַיֵּם, קַיָּם

דויערהאפטיג בֶּן קְיָמָא, בֶּן קִיּוּם

דויערען הִתְקַיֵּם, הַתְמֵד. **ס'דויערט מיך** צַר לִי

דוך רוּחַ, נְשָׁמָה

דוכטען דַּמֵּה, חָשֹׁב. **מיר דיכט** כִּמְדֻמֶּנִי

דוכנען עֲלֹה לַדּוּכָן (הכהנים)

דול מְטֻמְטָם

דולדזאם סַבְלָן

דולדזאמקייט סַבְלָנוּת

דולדען סָבֹל

דום טִפֵּשׁ, מְטֻמְטָם

דומהייט טִפְּשׁוּת, טִמְטוּם

דומע מוֹעֵצָה, **שטאט — עִירִיָּה**, וַעַד הָעִיר

דומפיג רָטֹב, מְרֻפָּשׁ, מְעֻבָּשׁ

דומקאפ כְּסִיל, שׁוֹטֶה, טִפֵּשׁ

דונער רַעַם

דונערען הַרְעֵם

דונער קלאפ און **דונערשלאק** מַכַּת רַעַם

דונקלען הַאֲפֵל, הַחֲשֵׁךְ

דונקעל אָפֵל

דונקעלהייט אֹפֶל, אֲפֵלָה, חשֶׁךְ

דועט שִׁנְיוֹן

דועל מִלְחֶמֶת שְׁנַיִם, מִלְחֶמֶת בֵּינַיִם

דועלירען הִלָּחֵם מִלְחֶמֶת שְׁנַיִם

דופט רֵיחַ טוֹב

דופטען נָתֹן רֵיחַ טוֹב

דופטענד נוֹתֵן רֵיחַ טוֹב

דוצען דַּבֵּר בִּלְשׁוֹן „אַתָּה"

דוצענד תְּרֵיסָר

דוקאט אָדוֹם

דורך עַל יְדֵי, עִם; בְּ־, בְּעַד, דֶּרֶךְ

דורכאויס לְגַמְרֵי, בְּהֶחְלֵט, בְּכָל אֹפֶן

דורכאקערען חָרשׁ יָפֶה יָפֶה

דורכארבעטען הִתְגַּבֵּר עַל מִכְשׁוֹלִים

דורכבאקען אָפֹה יָפֶה
דורכבויערען נָקֹב, קָרֹחַ
דורכבייטלען עָשׂה סֹלֶת
דורכבייסען נַתֵּק בְּשִׁנַּיִם
דורכבליקען עָבֹר בִּסְקִירָה, חָדֹר לְכַוָּנַת אָדָם
דורכבלעטערען עַלְעֵל, דַּפְדֵּף
דורכברעכען פָּרֹץ
דורכגאנג דֶּרֶךְ, מָבוֹא
דורכגיעסען יָצֹק, שָׁפֹךְ
דורכגליהען לַבֵּן בָּאֵשׁ
דורכגעהען עָבֹר דֶּרֶךְ, בָּרֹחַ, נוּס, קָרֹא בִּסְקִירָה
דורכגעטריעבען עָרוּם; מְגֹרָשׁ
דורכגעלעכערט נָקוּב
דורכגראבלען חָטֹט
דורכגראבען כָּרֹה, חָתֹר, חָפֹר
דורכגריבלען חַפֵּשׂ, בַּקֵּשׁ, בָּדֹק
דורכדענקען חָשֹׁב הֵיטֵב
דורכדרינגען חָדֹר
דורכדרינגענד חוֹדֵר
דורכוועהען זָרֹה בְּמִזְרֶה
דורכזוכונג חִפּוּשׂ, חִפּוּשׂ
דורכזייהען סַנֵּן
דורכזיין הָיֹה, גָּמוֹר

דורכזייערען הַחְמֵץ, כָּבֹשׁ
דורכזיכטיג שָׁקוּף
דורכזיכטיקייט שְׁקִיפוּת
דורכזיעדען רָתֹחַ
דורכזעגען נַסֵּר לִשְׁנַיִם
דורכזעהען עָבֹר בִּסְקִירָה, בָּדֹק, הַגֵּהַּ
דורכזעצען הַשֵּׂג מְבֻקָּשׁ, הוֹצֵא לַפֹּעַל
דורכטריקענען הוֹבֵשׁ
דורכטרענען הַתֵּר תְּפָר
דורכיאגען הָנֵס, גָּרֵשׁ
דורכלאזען נָתֹן לַעֲבוֹר, הַרְשֵׁה לַעֲבוֹר
דורכלויפען עָבֹר בִּמְהִירוּת
דורכלופטערן אַוְרֵר
דורכליידען סָבֹל
דורכלעבען הִתְקַיֵּם, זָכֹה לִרְאוֹת, בַּלֵּה
דורכמאזלען קוּם מִמַּחֲלַת הָאֲדֶמֶת
דורכמאכען סָבֹל
דורכפאהר מַעֲבָר
דורכפאל מַפָּלָה, שִׁלְשׁוּל
דורכפאלען נָפֹל בְּעַד, הִכָּשֵׁל, לֹא לְהַצְלִיחַ
דורכפיהרען הַעֲבֵר; בַּצֵּעַ; הָבֵא לִידֵי גְמָר
דורכפיילען שׁוֹף לִשְׁנַיִם
דורכפיקען נַקֵּר חוֹר

דורכציעהען נָסֹעַ דֶּרֶךְ, הַשְׁחֵל
(חוט במחט)

דורכקומען הִשְׁתַּוֵּה, עָשֹׂה פְּשָׁרָה

דורכקלעטערען טַפֵּס בְּעַד

דורכרייזע נְסִיעָה דֶּרֶךְ

דורכשטודירען חָקֹר וְדָרשׁ,
הַעֲמֵק חֲקֹר

דורכשטופען דָּחוֹק לְתוֹךְ,
הַעֲבֵר בְּדֹחַק

דורכשטעקען הוֹשֵׁט בְּעַד

דורכשלאגען עָבֹר דֶּרֶךְ. — **זיך**
מָצֹא מִחְיָה, מָצֹא פַּרְנָסָה, הַבְקֵעַ דֶּרֶךְ

דורכשלענגלען עָבֹר בְּדֶרֶךְ עֲקַלְקַלָּה

דורכשמוגלען הַבְרֵחַ אֶת הַמֶּכֶס,
הַעֲבֵר בִּגְנֵבָה

דורכשניט חִתּוּךְ; בֵּינוֹנִיּוּת

דורכשניטלעך בְּאוֹפֶן בֵּינוֹנִי,
בְּדֶרֶךְ מְמֻצָּע

דורשט צִמָּאוֹן

דורשטיג צָמֵא

דורשטען צָמֹא

דו אַתָּה (ז.) אַתְּ (נ.)

דיעמענט שָׁמִיר

דיזער זֶה, הַזֶּה, הַלָּז, הַלָּזֶה, הַלָּה

דייזשע נִגִית· עֲרֵבָה

דייטונג פֵּרוּשׁ, בֵּאוּר

דייטלעך בָּרוּר, מְפֹרָשׁ

דייטלעכקייט בֵּרוּר, בְּהִירוּת

דייטען בָּרֵר, בָּאֵר, פָּרֵשׁ

דייטש און **דייטשיש** גֶּרְמַנִּי,
אַשְׁכְּנַזִּי, גֶּרְמַנִּית, אַשְׁכְּנַזִּית

דיין שֶׁלְּךָ (ז.), שֶׁלָּךְ (נ.)

דיינטוועגען בִּשְׁבִילְךָ, לְמַעַנְךָ,
בִּגְלָלְךָ, בַּעֲבוּרְךָ

דייניגער שֶׁלְּךָ (ז.), שֶׁלָּךְ (נ.)

דיך יָרֵךְ

דיך אוֹתְךָ (ז.), אוֹתָךְ (נ.)

דיכטונג שִׁיר, פִּיּוּט

דיכטען פַּיֵּט, חַבֵּר שִׁירִים

דיכטער מְשׁוֹרֵר, פַּיְּטָן

דיכטעריש פִּיּוּטִי, שִׁירִי

דין דַּק

דינג דָּבָר, חֵפֶץ

דינג ווארט שֵׁם עֶצֶם

דינגען שָׂכֹר. **דינגען זיך** עָמֹד עַל
הַמֶּקָּח, תַּגֵּר

דינגעניש מֶקַּח וּמִמְכָּר

דינקייט דַּקּוּת

דיסטילירען זַקֵּק

דיסציפלין מִשְׁמַעַת

דיסציפלינירען חַנֵּךְ לְמִשְׁמַעַת

דיסקאנט נִכּוּי, דִּיסְקוֹנְטוֹ

דיסקאנטירען נַכֵּה, עָשׂה דִּיסְקוֹנְטוֹ

דיסקוסיאן וִכּוּחַ

דיסקוסירען הִתְוַכֵּחַ

דיענסט עֲבוֹדָה, כְּהֻנָּה, שֵׁרוּת,
מְשָׁרֶתֶת, שִׁפְחָה

דיענסטאג יוֹם שְׁלִישִׁי בַּשָּׁבוּעַ

דיענסטמיידעל מְשָׁרֶתֶת

דיענען שָׁרֵת

דיענער מְשָׁרֵת

דיפטהעריט אַסְכָּרָה, דִּפְתֶּרְיָה

דיפלאם תְּעוּדָה; כְּתָב־סְמִיכָה

דיפלאמאט אִישׁ מְדִינִי, דִּיפְּלוֹמָט

דיפלאמאטיע מְדִינִיּוּת, דִּיפְּלוֹמַטְיָה

דיפלאמאטיש מְדִינִי, דִּיפְּלוֹמָטִי

דיק עָבֶה, שָׁמֵן

דַיְקא דַּוְקָא

דיקטאנט הַכְתָּבָה

דיקטירען הַכְתֵּב

דיקקייט עֳבִי, שְׁמֵנוּת

דיר לְךָ, לָךְ

דיריזשירען נַהֵל, פַּקֵּד, נַצֵּחַ

דירעקט יָשָׁר

דירעקטאר מְנַהֵל

דירעקטאריום הַנְהָלָה

דירעקציאן זעה **דירעקטאריום**

דעבעט חוֹבָה (בהנהלת פנקסים)

דעזענטיר און **דעזערטיר**
בּוֹרֵחַ (מהצבא), נָס

דעליקאט עָדִין

דעליקאטעס מַטְעָם, מַמְתָּק

דעלעגאט צִיר, שָׁלִיחַ

דעלעגאציאן מִשְׁלַחַת

דעמאלט אָז, אֲזַי

דעמאקראטיע דֵּמוֹקְרַטְיָה

דעמאקראטיש דֵּמוֹקְרַטִי

דעמאנסטראציאן הַפְגָּנָה,
דֵּמוֹנְסְטְרַצְיָה

דעמב אֵלָה, אַלּוֹן

דעמבאווע שֶׁל אֵלָה

דען אֶת הַ־, בְּיוֹם

דעננאך עִם כָּל זֶה, בְּכָל זֹאת

דענערווירט גֵּרוּי עֲצַבִּים

דענקבאר אֶפְשָׁרִי

דענקמאל מַצֵּבָה

דענקען חָשֹׁב, הַרְהֵר, דַּמֵּה, סָבֹר

דענקער חוֹשֵׁב, חוֹקֵר, הוֹגֶה דֵעוֹת

דענק־שפרוך פִּתְגָּם, אִמְרָה

דעזינפיצירען חַטֵּא, טַהֵר

דעסגלייכען כַּדּוֹמֶה, כְּמוֹ כֵן

דעסהאלב און **דעסוועגען** עַל כֵּן, לָכֵן, מִשּׁוּם זֶה, מִטַּעַם זֶה

דעסטא עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה

דעסטוועגען, פון — בְּכָל זֹאת

דעסטילאטאר מְזַקֵּק

דעסטיליאציאן זִקּוּק

דעסטילירען זַקֵּק

דעספאט מוֹשֵׁל עָרִיץ

דעספאטיזם עָרִיצוּת

דעספאטיש עָרִיצִי

דעפא מַחְסָן

דעפאנירען הַשְׁלֵשׁ, הַפְקֵד

דעפוטאט נִבְחָר, שָׁלִיחַ, צִיר

דעפוטאציאן מִשְׁלַחַת

דעפעשע מִבְרָק

דעק מִכְסֶה, כִּסּוּי

דעקאראציאן קִשּׁוּט, יִפּוּי, תִּפְאוֹרָה

דעקארירען קַשֵּׁט, יַפֵּה

דעקלאמאציאן דִּקְלוּם

דעקלאמירען דַּקְלֵם

דעקע מִכְסֶה, כִּסּוּי

דעקעל צָמִיד, מִכְסֶה, כַּפֹּרֶת

דעקען צַפֵּה, כַּסֵּה, סָכֵךְ

דעקרעט פְּקֻדָּה, חֹק

דער, די, דאס הַ־, הָ־, הֶ־

דערבאקען גָּמֹר לֶאֱפוֹת

דערבארעמען (זיך) רַחֵם, חוּס עַל

דערבויען גָּמֹר לִבְנוֹת

דערביי בָּזֶה, אֵצֶל זֶה

דערגיעסען יָצֹק עוֹד, מַלֵּא

דערגלייכען וּכְדוֹמֶה

דערגעהען הָלֹךְ עַד, הַגֵּעַ. **דערגעהען די יאהרען** קַצֵּר יָמִים, יָרֹד לְחַיֵּי...

דערגרייכען הַשֵּׂג

דערהרגענען הָרֹג, הָמֵת

דערוואקסען גָּדֹל כְּהוֹגֶן, גָּדֹל עַד

דערווארעמען חַמֵּם דֵּי צָרְכּוֹ

דערוואשען כַּבֵּס עוֹד

דערווידער נֶגֶד. **זיין —** הִתְנַגֵּד

דערווייזען הוֹכֵחַ, הַרְאֵה

דערווייל בֵּין כֹּה וָכֹה, לְעֵת עַתָּה

דערוויסען הִוָּדַע

דערווים מִזֶּה, מִכָּאן

דערויף עַל זֶה

דערום לָכֵן, עַל כֵּן

דערונטער תַּחַת, מִתַּחַת

דערזייערען גָּמֹר לְהִכָּבֵשׁ, גָּמֹר לְהֶחְמֵץ

דערזעלבע אוֹתוֹ הַדָּבָר

דערטאפּען הַשֵּׂג

דערטראכטען הָשֵׁב עַד גְּמִירָא; הַמְצֵא

דערטרינקען הַטְבֵּעַ

דעריאגען הַשֵּׂג (ברדיפה)

דעריבער לָכֵן, עַל כֵּן, לְפִיכָךְ

דערין בְּתוֹךְ, בְּזֶה

דערינען — אין מיטען דערינען
פִּתְאֹם, בְּאֶמְצַע

דעריעניגער הַהוּא

דערכעסען הַכְעֵס

דערלאזען הַרְשֵׁה

דערלאנגען הוֹשֵׁט, הַגַּע לְ־

דערלעבען חָיֹה עַד, זָכֹה לְ־

דערלעגען הַפְסֵד, הוֹסֵף

דערמאהנען הַזְכֵּר. זיך — הִזָּכֵר

דערנאך אַחֲרֵי כֵן, אַחַר כָּךְ

דערנערונג מִחְיָה, פַּרְנָסָה

דערנערען הַחֲיֵה, פַּרְנֵס

דערעסען הוֹסֵף לֶאֱכוֹל; הַמְאֵס.
הָיֹה לְזָרָא

דערפאר לָכֵן, מִשּׁוּם זֶה, לְפִיכָךְ

דערפון מִזֶּה

דערפרעגען מָצֹא ע״י שְׁאֵלוֹת. **דער־
פרעגען זיך וועגען יענעם**
מָצֹא עַל אֹדוֹת פְּלוֹנִי ע״י חֲקִירָה

דערצאהלען שַׁלֵּם הַנּוֹתָר

דערצו לָזֶה, לְזֹאת

דערציעהען חַנֵּךְ, אָמוֹן; הַמְשֵׁךְ עַד

דערקריעכען זָחוֹל עַד

דעררעדען גָּמוֹר לְדַבֵּר

דערשטיקען חַנֵּק

דערשטעכען דָּקֹר, תָּקֹעַ (חרב)

דערשיטען הוֹסֵף הֶחָסֵר

דערשיעסען יָרֹה, הָמֵת בִּירִיָּה

דערשלאגען הַכֵּה עַד מָוֶת, הַשֵּׂג.
**זיך דערשלאגען צו א גוטע־
שטעלע** הַצְלֵחַ סוֹף סוֹף לְהַשִּׂיג
מִשְׂרָה טוֹבָה

דערשלינגען בָּלֹעַ

דערשמעקען הָרֵחַ

דראהונג אִיּוּם

דראהט חוּט בַּרְזֶל

דראהטעווען קַשֵּׁר בְּחוּטֵי בַרְזֶל

דראהען אַיֵּם, הַפְחֵד

דראזשקע כִּרְכָּרָה

דראטווע חוּט מְזֻפָּת

דראמא מַחֲזֶה, דְּרָמָה

דראמאטיקער מְחַבֵּר מַחֲזוֹת

דראמאטיש דְּרָמָטִי

דראַנג לַחַץ, נְחִיצוּת

דראָנג — בַּד, מוּט, כְּלוֹנָס; לֹא יִצְלַח

דראניצע — רַעַף עֵץ

דראפ — מִין אָרִיג; שֶׁרֶט

דראפען — שָׂרֹט

דראפענער — שֶׁל אָרִיג

דרויסען — בַּחוּץ

דרומלען — נַמְנֵם, נוּם

דרוק — לַחַץ; דְּפוּס

דרוקען — לָחוּץ; הַדְפֵּס

דרוקעריי — בֵּית דְּפוּס

דרוקפעהלער — טָעוּת דְּפוּס

דריטהאלבען — שְׁנַיִם וָחֵצִי

דריטחלק — הַחֵלֶק הַשְּׁלִישִׁי

דריטעל — שְׁלִישִׁית, שְׁלִישׁ

דריטער — שְׁלִישִׁי

דריטענס — הַשְּׁלִישִׁית

דריי — שְׁלשָׁה, שָׁלשׁ

דריידעל וזה **דרעהדעל**

דריילינג — שְׁלשָׁה יְלָדִים בִּכְרֵס אֶחָד

דרייסט — אַמִּיץ לֵב, נוֹעָז

דרייסטקייט — אֹמֶץ־לֵב, עֹז נֶפֶשׁ. חֻצְפָּה, הֶעָזָה

דרייסיג — שְׁלשִׁים

דרייסיגסטעל — הַחֵלֶק הַשְּׁלשִׁים

דרייסיגסטער — הַשְּׁלשִׁים

דריי־עק — מְשֻׁלָּשׁ

דריי עקיג — בַּעַל שָׁלשׁ צְלָעוֹת

דרייער — אֲגוֹרָה שֶׁל שָׁלשׁ פְּרוּטוֹת

דרייערליי — בִּשְׁלשָׁה אוֹפַנִּים

דרייפוס — חֲצוּבָה

דרייפיסיג — בַּעַל שָׁלשׁ רַגְלַיִם

דרייצעהן — שְׁלשָׁה עָשָׂר, שְׁלשׁ עֶשְׂרֵה.

וואס איז מכח אכטצעהן און דרייצען — מַה בַּדָּבָר הַיָּדוּעַ לוֹ?

דרייצעהנטעל — הַחֵלֶק הַשְּׁלשָׁה עָשָׂר

דרייצעהנטער — הַשְּׁלשָׁה עָשָׂר

דריל — מַקְדֵּחַ

דרילען — קָדֹחַ, נָקֹב חוֹר

דרימעל וזה **דרעמעל**

דרינגליך — נָחוּץ, נִמְרָץ

דרינגליכקייט — נְחִיצוּת

דרינגען — הָאֵץ; הוֹצֵא מַסְקָנָה

דרינגענד — נָחוּץ, נִמְרָץ

דרינען וזה **דערינען**

דריק — לְחִיצָה, נְגִישָׂה, לַחַץ

דריקען — לָחֹץ, נָגֹשׂ

דריקער — לוֹחֵץ

דרעהדעל — סְבִיבוֹן

דרעהען סַבֵּב, שָׁזֹר (חוטים). **זיך** — הִסְתּוֹבֵב; **ער דרייט זיך די קאפ** הוּא מוֹנִיעַ אֶת מֹחוֹ

דרעהנעס סִבּוּב, סְחַרְחֹרֶת, צָרָה

דרעהער מְסוֹבֵב

דרעמעל תְּנוּמָה

דרעמלען נוּם

דרעקסלער חָרָט

דרעשמאשין מַחְבָּטָה

דרעשען דּוּשׁ, חָבֹט

דרעשער דַּיָּשׁ

דרעש פלעגעל מוֹרַג, מָדוֹשׁ

ה.

הא? מָה?

האָר שֵׂעָר, שַׂעֲרָה, נִימָא. **נאך אהאָר** עוֹד מְעַט

האָריג שָׂעִיר, בַּעַל שֵׂעָר

האר נאדעל מַכְבֶּנֶת

האר שייטעל פֵּאָה נָכְרִית

האר שפילקע מַכְבֶּנֶת

האב רְכוּשׁ, הוֹן, קִנְיָן

האבען — **איך האב געהאט** לִי הָיָה; **איך האב** לִי, יֶשׁ לִי; **האבען אומרעכט** הָיֹה בִלְתִּי צֶדֶק; **האבען רעכט** הָיֹה צָדֵק; **איך האב צו אים ניט** אֵין לִי שׁוּם פִּתְחוֹן פֶּה עָלָיו; **מען קאן צו אים ניט האבען** אֵין מַה לְהִתְאוֹנֵן עָלָיו; **זי האט געהאט א יונגעל** הִיא יָלְדָה בֵּן

האבעניכטס אֶבְיוֹן, עָנִי

האבער שִׁבֹּלֶת שׁוּעָל

האבערנער שֶׁל שִׁבֹּלֶת שׁוּעָל

האגלען בָּרֹד

האגעל בָּרָד

האדאוואניע גִּדּוּל, טִפּוּחַ

האדעווען גַּדֵּל, טַפֵּחַ

האהן תַּרְנְגֹל

האז אַרְנֶבֶת

האטעל מָלוֹן, אַכְסַנְיָה, פֻּנְדָּק

האטשיק וָו, קֶרֶס

האי — האי יאהר הַשַׁתָּא

האָידע נַדְנֵדָה

האי־פיש סְקַלְיָרָה

האכצייט חֲתֻנָּה

האלאוועשקע אוּר

האלב חֲצִי, מֶחֱצָה

האלב־אינזעל חֲצִי־אִי

האלב־דונקעל אֹפֶל לְמֶחֱצָה

האלב־וועגס בַּחֲצִי הַדֶּרֶךְ

האלב־קוגעל חֲצִי כַּדּוּר

האלז צַוָּאר, גָּרוֹן

האלז־אייזען קוֹלָר

האלז־באנד עֲנָק

האלז־בינדע עֲנִיבָה

האלז־וועהטאג כְּאֵב גָּרוֹן

האלזטוך מִטְפַּחַת צַוָּאר

האלז־ענטצינדונג דַּלֶּקֶת הַגָּרוֹן

האלז־שניידער שׁוֹחֵט, גַּזְלָן, רוֹצֵחַ

האלט עֲמוֹד! עֲצוֹר! תִּפְשׂוּהוּ!

האָלט האָבען אָהֹב

האלטונג הִתְנַהֲגוּת

האלטען אָחֹז, הַחֲזֵק; שָׁמֹר. **האלטען שבת** שָׁמֹר שַׁבָּת; **האלטען אין לעזען** קָרֹא, הָיֹה בְּאֶמְצַע הַקְּרִיאָה; **ווי האלט איר** מַה דַּעְתְּךָ? **איך האלט ניט דערביי** אֲנִי רָחוֹק מִזֶּה. **זיך האלטען** הִתְנַהֵג; **ער האלט זיך גרויס** הוּא מִתְגָּאֶה; **דאס וועט זיך לאנג ניט האלטען** זֶה לֹא יִתְקַיֵּם זְמַן רָב; **ער וועט זיך האלטען דערביי** הוּא לֹא יִרְפֶּה מִזֶּה

האלטער מַחֲזִיק, אוֹחֵז; יָד, בֵּית יָד, נִצָּב, קַת

האלץ עֵצִים

האלץ־העקער חוֹטֵב עֵצִים

האלצשטאל סִכְכַת עֵץ

האמעווען עָצֹר

האמער פַּטִּישׁ, קֻרְנוֹס

האמערען הָלֹם, הַכֵּה בְּפַטִּישׁ

האמפערען (זיך) הִתְקוֹטֵט, רִיב

האנדלען סָחֹר

האנדעל מִסְחָר

האנדעלסמאן סוֹחֵר, תַּגָּר

האנדעלס־מיניסטער שַׂר הַמִּסְחָר

האנדעלס־פלאץ שׁוּק

האנדעלס־פרוי תַּגָּרִית, סוֹחֶרֶת

האנדעלס־צווייג סְעִיף מִסְחָר

האנדעלס־קאמער לִשְׁכַּת מִסְחָר

האנט יָד, כַּף

האנט־געלד דְּמֵי קְדִימָה

האנט־געלענק כַּף הַיָּד

האנט־געפעק חֲבִילוֹת קְטַנּוֹת

האנטווערק מְלָאכָה, אוּמָּנוּת

האנטווערקער אוּמָּן, בַּעַל מְלָאכָה

האנטטוך מַגֶּבֶת, אֲלֻנְטִית

האנטפאס כִּיּוֹר

האנטשוה כְּסָיָה, כְּפָפָה

האנטשוהמאכער עוֹשֵׂה כְּסָיוֹת

האנטשריפט כְּתַב־יָד

האניג דְּבַשׁ

האניגדיג דִּבְשִׁי

האניג־קוכען דֻּבְשָׁן

האניג־לעקאך ז. האניג־קוכען

האנער כָּבוֹד

האס שִׂנְאָה, מַשְׂטֵמָה, אֵיבָה

האסט מְהִירוּת

האסטיג בִּמְהִירוּת

האסען שָׂנֹא, שָׂטֹם

האספיטאל בֵּית־חוֹלִים

האפט אֵסוּר, מִשְׁמָר, חוֹזֶק

האפנונג תִּקְוָה, תּוֹחֶלֶת

האפען יַחֵל, קַוֵּה, צַפֵּה

האָפען כְּשׁוּת

האפען חוּף, נָמָל

האפען־געלד דְּמֵי עִגּוּן אֳנִיָּה

האפענטליך בְּתִקְוָה

האפערטיג גְּדָל־לֵבָב, גְּבַהּ־רוּחַ, גֵּא, גֵּאֶה

האק קַרְדֹּם, גַּרְזֶן

האָק קֶרֶס

האקוס־פאקוס רַמָּאוּת, אֲחִיזַת עֵינַיִם

האק־מעסער קוֹפִיץ

האקען קָצֹץ, בַּקֵּעַ, חָטֹב. **האקען האלץ** חָטֹב עֵצִים; **האקען אין דער וועלט אריין** דַּבֵּר סְתָם בְּעָלְמָא

האר אָדוֹן, בַּעַל, מַר

הארעפאסניק עָמֵל, עוֹבֵד

הארעפניק מְגַלֵּב

האַרב קָשֶׁה, חָמוּר

הארט קָשֶׁה

הארט־הערציג קְשֵׁה־לֵב

הארט־לייביג בַּעַל קֵבָה קָשָׁה

הארט־נעקיג קְשֵׁה עֹרֶף

הארטעווען הַקְשֵׁה

הארטקייט קֹשִׁי

הארריזאנט אֹפֶק

הארכען שָׁמֹעַ, הַאֲזֵן, הַקְשֵׁב

הארמאניק סוּמְפּוֹנְיָה

הארמאנירען הַתְאֵם

האָרען קֶרֶן, שׁוֹפָר

הארען־בלאזער תּוֹקֵעַ בְּקֶרֶן, תּוֹקֵעַ בְּשׁוֹפָר

הארעוואניע עָמָל, עֲבוֹדָה קָשָׁה

הארעווען עָמֵל׳ עָבֹד קָשָׁה

הארף נֵבֶל

הארץ לֵב

הארץ־ברעכענס שֶׁבֶר לֵב

הארץ־ווערטאג כְּאֵב לֵב

הארץ־קלעמעניש הִתְכַּוְּצוּת הַלֵּב, כְּאֵב לֵב

הארציג לְבָבִי

הובלען הַקְצֵעַ

הובעל מַקְצוּעָה

הוהן תַּרְנְגֹלֶת

הוט כּוֹבַע, מִגְבַּעַת

הויב כִּפָּה, שְׂבָכִים

הויז בַּיִת

הויז־באזעצער בַּעַל בַּיִת

הויז־געזינט בְּנֵי בַּיִת, בַּיִת

הויז־האלטער סוֹכֵן בַּיִת

הויז־ווירטשאפט מֶשֶׁק בַּיְתִי

הויז־זאכען מִטַּלְטְלֵי בַּיִת, רָהִיטִים

הויז־טהיער חַיָּה בַּיְתִית

הויז־מענש בֶּן־בַּיִת

הויזירען רָכֹל

הויזערער רוֹכֵל

הויזען גוּר, דוּר, חָיֹה בְּשָׁלוֹם עִם־

הויזען מִכְנָסַיִם

הויז־פריינד יְדִיד־בַּיִת

הויט עוֹר; קְלִפָּה

הויט־אויסשלאג חֲזָזִית

הויטיג שֶׁל עוֹר; רָזֶה

הויך גָּבֹהַּ, רָם

הויך נְשִׁימָה

הויכען נָשֹׁם, הוֹצֵא נְשִׁימָה

הויל עָרֹם, גָּלוּי; בִּלְבַד; נָבוּב, חָלוּל

הוילקייט מַעֲרֻמִּים, רֵיקָנוּת

הויף חָצֵר (נ)

הויפט רֹאשׁ, רָאשִׁי

הויפט־בוך פִּנְקָס רָאשִׁי

הויפט־גאס רְחוֹב רָאשִׁי

הויפט־וואך שׁוֹמְרִים רָאשִׁיִּים

הויפט־ווארט שֵׁם עֶצֶם

הויפט־זאך דָּבָר עִקָּרִי

הויפטזעכליך בְּעִקָּר, בְּרֹאשׁ וְרִאשׁוֹן

הויפט־לעהרער מוֹרֶה רָאשִׁי

הויפטמאן ראש

הויפט־פאסט דֹּאַר רָאשִׁי

הויפט־פונקט נְקֻדָּה רָאשִׁית

הוליען חָגֹג, עָשֹׂה הִלּוּלָא וְחִנְגָּא

הומאריסטיש הוּמוֹרִי

הונגער רָעָב, כָּפָן

הונגער־טויט מוֹת רָעָב

הונגער־לײדער סוֹבֵל רָעָב, רָעֵב
הונגעריג רָעֵב
הונגעריגקײט רְעָבוֹן
הונגער־לױן שְׂכַר וָעוֹם
הונגערען רָעֹב
הונדערט מֵאָה
הונדערטעל הַחֵלֶק הַמֵּאִי
הונט כֶּלֶב
הוסט שִׁעוּל
הוסטען הִשְׁתַּעֵל
הורא! הֵידָד
הורטאם בְּשֶׁפַע, בְּסִיטוֹנוּת
הורען זוֹנָה
הורען־הויז בֵּית־זְנוּנִים
הורערײ זְנוּת, זְנוּנִים
היבש יָפֶה, נָאֶה, הָגוּן
היגער ז. היעגער
היהנער־אויג יַבֶּלֶת
היהנער־הויז לוּל
היהנער־פלעט קַטַלֶפְּסִיָּה
היהנער־שטײג לוּל
היטע סֻכָּה, צְרִיף; בֵּית יְצִיקָה (לזכוכית)
היטעל כּוֹבַע
היטען שָׁמֹר, נָצֹר, נָטֹר. זיך — הִשָּׁמֵר
היטער שׁוֹמֵר

הײ! הוֹי! בְּבַקָּשָׁה!
הײ, הײ־יאהר הַשָּׁנָה, הַשַּׁתָּא
הײ חָצִיר, חֲשַׁשׁ
הײב תְּנוּפָה, הֲרָמָה. **געבען א הײב** הָרֵם, הָנֵף; **זיך געבען א הײב** הִתְרוֹמֵם
הײ־בוידעם עֲלִיָּה בִּשְׁבִיל חָצִיר
הײבען הָרֵם, רוֹמֵם, הָנֵף
הײבען מְיַלֶּדֶת
הײ־גאפעל קִלְשׁוֹן, מַזְּלֵג
הײדוק חַיָּל רַגְלִי
הײדע פְּגָן, עוֹבֵד אֱלִילִים
הײדענטום עֲבוֹדַת אֱלִילִים, אֱלִילִיּוּת, פְּגָנוּת
הײװען שְׂמָרִים
הײזעריג נִחָר, צָרוּד
הײטע — **קום הײטע** נֵלֵךְ לְטַיֵּל
הײל־אנשטאלט בֵּית מַרְפֵּא
הײלונג רִפּוּי, רְפוּאָה
הײליג קֹדֶשׁ
הײליגטום מִקְדָּשׁ
הײליגען קַדֵּשׁ, הַקְדֵּשׁ
הײליגער קָדוֹשׁ
הײליגקײט קְדֻשָּׁה
הײלען רַפֵּא

הײלען ז. **אײלען**
הײל מְעָרָה
הײם בַּיִת
הײמיש בֵּיתִי
הײמליך חָרֶשׁ, בַּלָּאט, בְּהֶחָבֵא
הײמליכקײט חֲשָׁאִיּוּת, צִנְעָא, הֶסְתֵּר
הײנט הַיּוֹם. **פון הײנט איבער**
א יאהר כָּעֵת חַיָּה לַשָּׁנָה הַבָּאָה,
בְּעוֹד שָׁנָה מֵהַיּוֹם
הײנטיג שֶׁל הַיּוֹם
הײס חַם, רוֹתֵחַ
הײסען צַוֵּה, פָּקֹד; הִקָּרֵא. **איך**
הײס שְׁמִי...
הײער הַשָּׁנָה, אֶשְׁתַּקָּא
הײעריג שֶׁל הַשַּׁתָּא, בֶּן שָׁנָה
הײקער גַּבְנֹן, חֲטֹטֶרֶת
הײקערדיג גִּבֵּן, בַּעַל חֲטֹטֶרֶת
הײצען הַסֵּק
הײצער מַסִּיק
הײראטה נִשּׂוּאִים, חֲתֻנָּה
הײראטהען נָשׂא אִשָּׁה, לָקֹחַ. אִשָּׁה,
הִנָּשֵׂא, הִלָּקַח לְאִישׁ
הײשעריק אַרְבֶּה
הילזע קְלִפָּה, תַּרְמִיל
הילזענ־פרוכט פֵּרוֹת מְתֻרְמָלִים

הילכען הָטֹה, נָתֹן הֵד
הילע מַעֲטֶה, מַעֲטָפָה
הילען עָטֹף, הַעֲטֵה
הילף עֶזְרָה, יְשׁוּעָה, סִיּוּעַ
הילפלאז עָזוּב, בְּלִי עֵזֶר
הילצערנער שֶׁל עֵץ
הימליש שְׁמֵימִי, נִשְׂגָּב
הימעל שָׁמַיִם, רָקִיעַ
הין שָׁמָּה, לְשָׁם, אֶל. **הין און צוריק**
אָנֶה וָאָנָה, כֹּה וָכֹה
הינדין אַיָּלָה, אַיֶּלֶת
הינדערען מָנֹעַ, עַכֵּב, עָצֹר בְּעַד
הינדערניס מַעֲצוֹר, עִכּוּב, מִכְשׁוֹל.
מְנִיעָה
הינזיכט בְּחִינָה, צַד. **הינזיכטליך**
בְּנוֹגֵעַ לְ־
הינטיש כַּלְבִּי, שֶׁל כֶּלֶב
הינטען אָחוֹר, מֵאָחוֹר
הינטער אַחֲרֵי, מֵאַחֲרֵי
הינטערבלײבען פָּגֹר, הֵחָשֵׁל
הינטער־געבײדע בִּנְיָן אֲחוֹרִי
הינטער־געדאנק כַּוָּנָה רָעָה,
מַחֲשָׁבָה נִסְתָּרָה
הינטער־געסעל סִמְטָה, מָבוֹי
הינטער־גרונד מַצָּע

הינטערוויילך או: **הינטערווערטס** לְאָחוֹר, אֲחוֹרַנִּית, בַּחֲזָרָה
הינטער־זייט צַד אֲחוֹרִי
הינטער־זיץ אֲחוֹרֵי הַכִּסֵּא
הינטער־חלק אָחוֹר, שֵׁת
הינטער־טהייל חֵלֶק אַחֲרוֹן, חֵלֶק גָּרוּעַ
הינטער־טהיר פֶּתַח אֲחוֹרִי
הינטערסטער אֲחוֹרִי
הינטער־פים רֶגֶל אֲחוֹרִית
הינטער־פיסעל מַאֲרָב, מִכְשׁוֹל
הינטער־שטיבעל חֶדֶר אֲחוֹרִי
הינקעדיג חִגֵּר, פִּסֵּחַ, צוֹלֵעַ
הינקען צָלַע
הינריכטונג הֲמָתָה
הינריכטען הֵמִית
היסטאריע הִסְטוֹרְיָה, דִּבְרֵי הַיָּמִים
היסטאריקער כּוֹתֵב דִּבְרֵי הַיָּמִים, הִסְטוֹרִיקוֹן
היסטאריש הִסְטוֹרִי
היסטעריש הִסְטֵירִי
היע פֹּה, כָּאן
היענער מִפֹּה, מִכָּאן, יְלִיד הַמָּקוֹם
היעזיג מִכָּאן, מִפֹּה
היער פֹּה, כָּאן, בָּזֶה
היפט קוֹלִית, יָרֵךְ

היפט־ביין עֶצֶם הַיָּרֵךְ
היפען דָּלַג
היץ חֹם
היציג נִלְהָב, חַם
היץ־קאפ רַתְחָן, כַּעֲסָן
היץ־קעפיג רַתְחָן, בְּרַתְחָנוּת
הירזש דֹּחַן
הירזשען צָהַל, צָנַף
הירט רוֹעֶה
הירש צְבִי, אַיָּל
הלואי הַלְוַאי, מִי יִתֵּן וְהָיָה
המן־טאש אֹזֶן הָמָן
המן־קלעפעל רַעֲשָׁן
הָסֶב־בעט מִטַּת הַסִּבָּה
הע ! מָה;
העזעלאך „אַרְנָבוֹת קְטַנּוֹת" (מין משחק ילדים)
העט־העטוויט מֶרְחַקִּים
העכט זְאֵב מַיִם; אָדָם חָשׁוּב
העכסט הַיּוֹתֵר גָּבֹהַּ
העכסטענס לְכָל הַיּוֹתֵר
העל בָּהִיר, צַח
העל שְׁאוֹל
העל־ברוין חוּם־בָּהִיר
העלד גִּבּוֹר

העלדיש בִּגְבוּרָה, שֶׁל גִּבּוֹר

העלדישקייט און **העלדען־מוטה** גְּבוּרָה, אֹמֶץ לֵב

העליש שֶׁל שְׁאוֹל. **העליש פייער** אֵשׁ תֹּפֶת

העלער פְּרוּטָה

העלפאנט פִּיל

העל־פארביג בַּעַל גַּוָּן בָּהִיר

העלפט חֲצִי, מַחֲצִית, מֶחֱצָה

העלפען עָזֹר, הוֹשֵׁעַ, סַיֵּעַ

העלפער עוֹזֵר, מוֹשִׁיעַ

העלקייט בְּהִירוּת

העמד כֻּתֹּנֶת, חָלוּק

הענג־לאמפ מְנוֹרָה תְלוּיָה

הענג־לייכטער נִבְרֶשֶׁת

הענגען תָּלֹה

הענגשלאס מַנְעוּל תָּלוּי

הענדום פענדום בְּחִפָּזוֹן

הענדלער סוֹחֵר, תַּגָּר

הענטעל אֹזֶן, בֵּית־אֲחִיזָה

הענטשקע נַעַל־יָד, כְּסָיָה

הענקער תַּלְיָן

העפט חוֹבֶרֶת, מַחְבֶּרֶת

העפט־נאדעל מַחַט סִדְקִית

העפטען הַכְלֵב, סָרֹג

העפלעך נִמּוּסִי, אָדִיב

העפליכקייט נִמּוּס, אֲדִיבוּת

העצען הָסֵת, שַׁסֵּה

העקלען סָרֹג

העקעל וָו, קֶרֶס

העקער חוֹטֵב, מוֹכֵר לִיחִידִים

הערינג דָּג מָלוּחַ

הערליך הָדוּר, נֶחְמָד

הערליכקייט הִדּוּר, כָּבוֹד, יִפְעָה

הערנערדיג בַּעַל קַרְנַיִם

הערען שָׁמֹעַ. **איך הער אים ווי די קאץ** אֵין אֲנִי שָׂם לֵב לוֹ

הערער שׁוֹמֵעַ

הערץ לֵב, לֵבָב

הערצליך בְּכָל לֵב, בִּלְבָבִיּוּת

הערר אָדוֹן, מַר, בַּעַל, רִבּוֹן

הערשאפט שִׁלְטוֹן, שְׂרָרָה

הערשען שָׁלֹט, שָׂרֹר

הפנים כַּנִּרְאֶה

הפקר־יונג פּוֹחֵז, פָּרִיץ, אִישׁ הֶפְקֵרוּת

הרגענען הָרֹג

ו.

ווא אֶהָה! אוי!

וואָג מִשְׁקָל, כֹּבֶד; מֹאזְנַיִם

וואַגאָן קָרוֹן שֶׁל רַכֶּבֶת

וואַגען הָעֵז. **זאל ער נאר וואגען דאס טון** יָעֵז לַעֲשׂוֹת זאת

וואָגען עֲגָלָה, קָרוֹן

וואג־שאל כַּף מֹאזְנַיִם

וואהל בְּחִירָה, בְּרֵירָה

וואהל־רעכט זְכוּת הַבְּחִירָה

וואָהר אֱמֶת, נָכוֹן. **ס'ניטא קיין וואהר ווארט אין דעם איז** מִלָּה נְכוֹנָה בָּזֶה; **אויפן וואהר** בְּהָקִיץ

וואהרהייט אֱמֶת, אֲמִתּוּת

וואהרהאפטיג אָמְנָם, בֶּאֱמֶת

וואהרשיינליך כְּפִי הַנִּרְאֶה

וואהרשיינליכקייט אֶפְשָׁרוּת, קִרְבָה לֶאֱמֶת

וואו אֵיפֹה, אַיֵּה, הֵיכָן

וואוהין לְאָן? אָנָה?

וואויל טוֹב

וואוילטאג עֹנֶג, תַּעֲנוּג, שֶׁפַע

וואוילקענעוודיג יַדְעָן, בַּעַל הַשְׂכָּלָה

וואוינונג דִּירָה, מָעוֹן

וואוינען יָשֹׁב, גּוּר, דּוּר

וואוכער נֶשֶׁךְ, רִבִּית

וואוכערען עָסֹק בְּקַבָּלַת רִבִּית

וואוכערניק און **וואוכערער** מַלְוֵה בְּרִבִּית

וואונד פֶּצַע, מַכָּה

וואונדער פֶּלֶא, נֵס, מוֹפֵת

וואונדערבאר נִפְלָא

וואונדערליך נִפְלָא, מוּזָר

וואונדערען (זיך) תָּמֹהַּ, הִתְפַּלֵּא

וואונש תִּקְוָה, סִכּוּי

וואונשען דָּרֹשׁ, אַחֵל

וואו עס איז בְּאֵיזֶה מָקוֹם שֶׁהוּא

וואוקס גִּדּוּל, גִּזְרָה, קוֹמָה

וואורשט נַקְנִיק

וואזאן און **וואזאנע** עָצִיץ

וואזע כַּד, אֲגַרְטֵל

וואזשנע חָשׁוּב, נִכְבָּד

וואטאווא שֶׁל צִיפָּה, שֶׁל מוֹךְ

וואטע צִיפָּה, מוֹךְ

וואטעווען רַפֵּד בְּמוֹךְ

וואיענע צְבָאִי

וואָך שָׁבוּעַ

וואַך עֵר, שְׁמִירָה

וואַך־בודקע סֻכַּת שׁוֹמֵר

וואַך־מייסטער רֹאשׁ הַשּׁוֹמְרִים

וואַך־סאלדאט חַיָּל שֶׁל מִשְׁמָר

וואכעדיג שֶׁל חוֹל

וואַכען שָׁמֹר, נָטֹר, הָיֹה עֵר

וואכען־טאג יוֹם חוֹל

וואכענשריפט שָׁבוּעוֹן

וואכער ז. **וואוכער**

וואכערליך ז. **וואוכערער**

וואָל צֶמֶר

וואָ־ַאך נִגּוּן וּוֹלָכִי

וואלגערען גַּלְגֵּל

וואלד יַעַר

וואלדיג מְכֻסֶּה יְעָרִים

וואלד־מענש אָדָם יַעֲרִי

וואלוועל זוֹל

וואַלטען שָׁלֹט, מָשֹׁל

וואליע מַרְאֶה, קַרְקָבוֹ, זֶפֶק

וואָליק לְבֶד

וואלף זְאֵב

וואל־פיש לִוְיָתָן

וואלץ גָּלִיל, וַלְץ

וואל־ציינ אֲרִיג צֶמֶר

וואלצען גָּלֹל, רָקֹד וַלְץ

וואלקען עָב, עָנָן

וואלקענדיג מְעוּנָן, מְכֻסֶּה בַּעֲנָנִים

וואמפיר עַרְפָּד

וואָן! הֲלָאָה! צֵא מִזֶּה!

וואנד כֹּתֶל, קִיר

וואנד־אוהר און **וואנד־זייגער** שְׁעוֹן קִיר

וואנד־לוח לוּחַ קִיר

וואנדלען הִתְהַלֵּךְ, נָדֹד

וואנדערונג הֲגִירָה, נְדִידָה

וואנדערען נוּעַ וְנוּד, נָדֹד

וואנדערער נוֹסֵעַ, נוֹדֵד, תַּיָּר

וואנדער־פויגעל צִפּוֹר נוֹדֶדֶת

וואנדער־שטאב און **וואנדער־שטאק** מַקֵּל־נוֹדֵד

וואנע אַמְבַּטִּי

וואנען — פון וואנען מֵאַיִן, מֵהֵיכָן

וואנץ פִּשְׁפֵּשׁ

וואנציג מָלֵא פִּשְׁפְּשִׁים

וואנצע שָׂפָם

וואס מַה, **וואסער** אֵיזֶה, אֵיזוֹ

וואַסער מַיִם

וואסערדיג מֵימִי

וואסער־מיהל טַחֲנַת מַיִם

וואסערען הַשְׁקָה

וואסער־פאל אֶשֶׁד, מַפַּל מַיִם

וואסער־רעהר צִנּוֹר מַיִם

וואפנע סַיִד

וואפנען סַיֵּד

וואפע נֶשֶׁק, זַיִן

וואקאנט חָפְשִׁי, פָּנוּי

וואקאנס חוֹפֶשׁ, פַּגְרָא, מָקוֹם פָּנוּי

וואקזאל תַּחֲנַת רַכֶּבֶת, בֵּית נְתִיבוֹת

וואקלען זיך הִתְנוֹדֵד

וואקס שַׁעֲוָה; דּוֹנַג

וואקסען גָּדֵל, צָמַח, דַּגֵּג

וואקסענער ז. **ווערסענער**

ווארום מַדּוּעַ? מִפְּנֵי־מָה?

ווארט מִלָּה

ווארט־בינדונג קִשּׁוּר מִלִּים

ווארטונג הַמְתָּנָה, תּוֹחֶלֶת, שֵׁרוּת

ווארטס־מאן עוֹמֵד בְּדִבּוּרוֹ, אִישׁ אֱמוּנִים

ווארטען חַכֵּה, צַפֵּה, הַמְתֵּן; אָמוֹן

וואָרעם רִמָּה, תּוֹלַעַת

ווארעם חַם

ווארעמס דָּבָר חַם

ווארמען הָחֵם, חַמֵּם

ווארמעס אֲרוּחַת צָהֳרַיִם, סְעֻדַּת צָהֳרַיִם, פַּת צָהֳרַיִם

ווארמקייט חֹם, חֲמִימוּת

ווארנונג הַתְרָאָה, הַזְהָרָה

ווארנען הַזְהֵר, הַתְרֵה

ווארע סְחוֹרָה, פְּרַקְמַטְיָה

ווארע, מאכען א ווארע פַּנֵּה דֶּרֶךְ, נָתֹן מָקוֹם לַעֲבוֹר

ווארעניק לְבִיבָה מְמֻלֵּאת

ווארף זְרִיקָה

ווארפען זָרֹק, הַשְׁלֵךְ

ווארצלען הַשְׁרֵשׁ

ווארצעל שֹׁרֶשׁ

ווארצעלדיג רַב שָׁרָשִׁים

ווארשטאט סַדְנָא, שֻׁלְחַן עֲבוֹדָה

וואש־בלוי כָּחוֹל לְכִבּוּס

וואש־בעקען כִּיּוֹר

וואש־הויז מַכְבֵּסָה

וואש־טיש שֻׁלְחַן כְּבִיסָה

וואשען רָחֹץ, כַּבֵּס. — **זיך** נָטֹל יָדַיִם, הִתְרַחֵץ

וואש־פרוי כּוֹבֶסֶת

וואש־צימער חֲדַר־רַחְצָה, אַמְבַּטְי

ווי כַּאֲשֶׁר, כְּמוֹ, כְּעֵין, כְּ־; אֵיךְ

וויאלע נוֹבֵל

וויאלען נָבֹל, כָּמֹשׁ

וויאנדזלען עֵשָׂו, יַבֵּשׁ בְּעָשָׁן

וויאנען יָבֹשׁ, כָּמֹשׁ

וויאסלע מָשׁוֹט

ווידמונג הַקְדָּשָׁה; שֶׁרֶץ

ווידמען הַקְדֵּשׁ; שָׁרֹץ

ווידער שׁוּב

ווידער נֶגֶד. זיין דער **ווידער** הִתְנַגֵּד

ווידער־וואקסונג סְפִיחַ

ווידער ווילען אִי־רָצוֹן

ווידער ווערטיג לְמֹרַת רוּחַ

ווידער טעם טַעַם תָּפֵל

ווידערליך מְעוֹרֵר גֹּעַל, נִמְאָס

ווידערלעגונג סְתִירָה, הַכְחָשָׁה

ווידערלעגען סָתֹר, הַכְחֵשׁ

ווידערקול הֵד, בַּת קוֹל

ווידערוף בִּטּוּל

ווידערופען בַּטֵּל

ווידערשטאנד הִתְנַגְּדוּת

ווידערשטעהען הִתְנַגֵּד

ווידערשפעניג סַרְבָן, סוֹרֵר וּמוֹרֶה

ווידערשפרוך הִתְנַגְּדוּת, סְתִירָה

ווידערשפרעכען זיך הִתְנַגֵּד, סָתֹר דִּבְרֵי עַצְמוֹ

ווידריג נִמְאָס, מִתְעָב

ווידריגקייט מֵאוּס, תִּאוּב

וויוויעסקע שֶׁלֶט

וויזיט בִּקּוּר

וויזיטירען בַּקֵּר

וויזיט־קארטע כַּרְטִיס בִּקּוּר

וויזיער וָזִיר

וויטווע אַלְמָנָה

וויטווער אַלְמָן

וויטעווען (זיך) דָּרֹשׁ בְּשָׁלוֹם

וויטערונג מֶזֶג הָאֲוִיר

ווייב אִשָּׁה, אֵשֶׁת, רַעְיָה, זוּגָה

ווייביש כִּנְקֵבָה, דּוֹמֶה לִנְקֵבָה

ווייבליך שֶׁל נְקֵבָה, מִין נְקֵבָה, לְשׁוֹן נְקֵבָה

ווייבספערזאן אִשָּׁה, נְקֵבָה

וויידלען כַּשְׁכֵּשׁ בְּזָנָב, חָנֹף, הַחֲנֵף

וויידעל זָנָב

ווייהונג קִדּוּשׁ, הַקְדָּשָׁה

וויינאכטס־אווענד עֶרֶב חַג הַלֵּדָה (אצל הנוצרים)

וויינאכטס־בוים אִילַן חַג הַלֵּדָה

וויינאכטען חַג הַלֵּדָה

ווייהען קַדֵּשׁ, הַקְדֵּשׁ

וויהרויך לְבוֹנָה

ווייזען הַרְאֵה. — זיך הִתְרָאֵה

ווייזער מָחוֹג

ווייט רָחוֹק

ווייט־זיכטיג מַרְחִיק לִרְאוֹת, רוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד

ווייט־לויפיג רָחוֹק

ווייטער יוֹתֵר מִזֶּה, הָלְאָה; לְהַלָּן, לְקַמָּן.

ווייטער דאס זעלבע שׁוּב אוֹתוֹ הַדָּבָר; ווייטער האב איך

אייך צו זאגען עוֹד יֵשׁ לִי לְהַגִּיד לָךְ; ווייטער זאלסטו

זיך היטען לְהַבָּא הֱיֵה זָהִיר

ווייטקייט מֶרְחָק, רֹחַק

ווייך רַךְ. ווייך ווערען הִתְרַכֵּךְ; הִתְפַּיֵּס

ווייך־הערציג רַךְ־לֵבָב

ווייכליך רָכִיךְ; מְפֻנָּק

ווייכע חֵלֶק רַךְ

ווייכען רַכֵּךְ, הָרֵךְ

ווייכען הִסּוֹג, סוּר, שְׂטֵה

ווייכקייט רַכּוּת, מֹרֶךְ

ווייל יַעַן, מִפְּנֵי

ווײַלע רֶגַע, זְמַן קָצָר

ווײַלען שָׁהֹה

וויין יַיִן

וויינגארטען כֶּרֶם

וויינגערטנער כּוֹרֵם

וויינהאנדלונג מִסְחַר יַיִן

וויינטרויב עֵנָב

ווייניג מְעַט

ווייניגקייט מִעוּט

וויינען בָּכֹה

וויינפערל עֲנַב־שׁוּעָל

וויינקעלטער גַּת, יֶקֶב

וויינקעלער מַרְתֵּף יַיִן

וויינשטאק גֶּפֶן

וויינשעל דְּבַדְבָנִיָּה

וויינשענק בֵּית־יַיִן, בֵּית־מַרְזֵחַ

ווייס לָבָן. שוארץ אויף ווייס שָׁחוֹר עַל גַּבֵּי לָבָן

ווייס־ברויט לֶחֶם סֹלֶת, לֶחֶם לָבָן

ווייסעל חֶלְבּוֹן

ווייסען הַלְבֵּן

ווייסער לָבָן

ווייס־צייג לְבָנִים

ווייען זָרֹה, הָבֵר, נָשֹׁב

ווייער מְנִיפָה

ווייץ חִטִּים

ווייצענער שֶׁל חִטִּים

ווייקען דורך־ שָׁרֵה, הַרְטֵב יָפֶה, הַשְׁרֵה

ווייקשאפּט	סִיר שְׁרִיָּה
וויכטיג	חָשׁוּב
וויכטיגקייט	חֲשִׁיבוּת
וויבער	סַעַר, סְעָרָה, סוּפָה
ווילד	פֶּרֶא
ווילדער	פֶּרֶא אָדָם, פְּרָאִי
ווילד־פלייש	בָּשָׂר חַי
ווילדקייט	שׁוֹבְבוּת, פְּרָאוּת
ווילּיג	בְּרָצוֹן
ווילּיגען	הַסְכֵּם, הִתְרַצֵּה
ווילּיגקייט	הִתְרַצּוּת, רָצוֹן
ווילּען	רָצוֹן, חֵפֶץ
ווילּקאמען	בָּרוּךְ הַבָּא
ווילּקע	קִלְשׁוֹן, מַזְלֵג
ווימלּען	שָׁרֹץ, רָמֹשׂ
ווימפּער	עַפְעַף, רִים
ווינד — ווינד און וויי!	אוֹי וַאֲבוֹי!
ווינט	רוּחַ
ווינט־מיהל	טַחֲנַת רוּחַ
ווינטעל	רוּחַ קַלָּה
ווינט־פאהן	שַׁבְשֶׁבֶת
ווינט־פאקען	אֲבַעְבּוּעוֹת שֶׁל רוּחַ
ווינטער	חֹרֶף
ווינטערדיג	שֶׁל חֹרֶף, חָרְפִּי
ווינטערען	חָרֹף
ווינציג	מְעַט
ווינציגקייט	מִעוּט
ווינק	רֶמֶז
ווינקעל	זָוִית, פִּנָּה
ווינקעלדיג	שֶׁל פִּנָּה, בַּעַל זָוִיּוֹת
ווינקעל־מאס	מַדְפִּנָּה
ווינקען	רָמוֹז
ווינשען	אַחֵל, בָּרֵךְ
ווינשענס־ווערטה	רָצוּי
ווינש־פינגערעל	טַבַּעַת כְּשָׁפִים
וויסט	שָׁמֵם, חָרֵב
וויסטאווקע	תַּעֲרוּכָה
וויסטלינג	הוֹלֵל, שָׁטוּף בְּתַאֲווֹת
וויסטע און וויסטעניש	מִדְבָּר, צִיָּה
וויסען	יָדֹעַ
וויסענשאפט	מַדָּע, חָכְמָה
וויסענשאפטליך	מַדָּעִי
וויספּע	אִי
וויעג	עֲרִיסָה
וויעג־בעטעל	עֲרִיסָה
וויעגעלע	עֲרִיסָה קְטַנָּה
וויעג־שטוהל	כִּסֵּא מִתְנַדְנֵד
וויעג־קינד	עוֹלֵל, יוֹנֵק
וויעדער	שׁוּב, עוֹד

וויעדער־אויפלעבונג תְּחִיָּה, הִתְחַדְּשׁוּת

וויעדער־געבורט תְּחִיָּה

וויעדער־האלונג חֲזָרָה

וויעדערהאלען חָזֹר עַל, שָׁנֹה

וויעדערהערשטעלונג תִּקּוּן

וויעדערהערשטעלען תַּקֵּן, רַפֵּא

וויעדערקייען הַעֲלֵה גֵרָה

וויעדערקעהר שִׁיבָה, חֲזָרָה

וויעדערקעהרען שׁוּב, חָזֹר

וויעזעל כַּרְכַּשְׁתָּה

וויעפער חֲזִיר הַבַּר, פָּרוּעַ, פָּרִיץ, הוֹלֵל

וויערבע צַפְצָפָה

וויפיעל כַּמָּה

וויעפיעלטער אֵיזֶה

וויץ הֲלָצָה, בְּדִיחָה

וויציג הֲלָצִי

וויצלען הִתְלוֹצֵץ

וויצע סְגָן

וויקלען חַתֵּל, כָּרֵךְ

וויקסען הַשְׁחֵר, הַבְרֵק, גַּהֵץ, דַּגֵּג

וויקעל חִתּוּל

ווירבלען הִסְתּוֹבֵב

ווירבעל עַלְעוֹל, סַעַר

ווירבעל־ווינד סַעַר, סְעָרָה, סוּפָה

ווירדיג רָאוּי, כְּדַאי

ווירדע עֵרֶךְ, חֲשִׁיבוּת

ווירטה בַּעַל בַּיִת

ווירטהין בַּעֲלַת בַּיִת

ווירטהשאפט מֶשֶׁק, כַּלְכָּלָה

ווירטהשאפטליך מִשְׁקִי, כַּלְכָּלִי

ווירטהשאפטען נַהֵל מֶשֶׁק

ווירטהשאפטער סוֹכֵן בַּיִת

ווירע סַרְגֵּל

ווירען סַרְגֵּל

ווירפעל קוּבִיָּה, **ווירפעל שפיעל** מִשְׂחָק שֶׁל קוּבִיָּה

ווירצונג תַּבְלִין

ווירציג מְתֻבָּל

ווירצען תַּבֵּל

ווירקונג פְּעֻלָּה

ווירקזאם פּוֹעֵל

ווירקזאמקייט פְּעֻלָּה

ווירקליך מַמָּשִׁי, אֲמִתִּי, בֶּאֱמֶת

ווירקליכקייט מְצִיאוּת, מַמָּשׁוּת

ווירקען פָּעַל, עָשָׂה

ווירקער פּוֹעֵל, עוֹשֶׂה

וויש נְגוּב, קִנּוּחַ

ווישטוך מַגֶּבֶת

ווישניעווע שֶׁל דֻּבְדְּבָנִיּוֹת

ווישניק מִשְׁרָה דֻבְדְּבָנִית

ווישען־אפווישען קַנֵּחַ, מָחֹה, נַגֵּב

וועב־מאשין אֶרֶג, מְכוֹנַת אֲרִיגָה

וועבע אָרִיג

וועבען אָרֹג

וועבער אוֹרֵג

וועבעריי בֵּית חֲרֹשֶׁת לַאֲרִיגָה

וועב־שטוהל מְכוֹנַת אֲרִיגָה, נוֹל

וועב־שיפעלע בַּכִּיָר

וועג דֶּרֶךְ, אֹרַח

וועג־ווייזער מוֹרֵה דֶרֶךְ, מַדְרִיךְ

וועגעלע עֲגָלָה קְטַנָּה

וועגען מִפְּנֵי, מִשּׁוּם, בִּשְׁבִיל, בִּגְלַל, לְמַעַן

וועדליג כְּפִי

וועה כְּאֵב, מַכְאוֹב, צַעַר. **וועה טון** כְּאֹב. — **טון זיך** הִצְטַעֵר

וועהלען־אויסוועהלען בָּחֹר, בָּרֹר

וועהלער בּוֹרֵר, בּוֹחֵר

וועהען חֶבְלֵי לֵדָה

וועהרען עַכֵּב, מָחֹה. **קיינער וועהרט אים ניט** אֵין אִישׁ מְעַכֵּב בְּיָדוֹ. — **זיך** הָגֵן עַל עַצְמוֹ

פארוועהרען אָסֹר, לִבְלִי תֵּ״:

וועזען עֶצֶם, מַהוּת

וועט הִתְחָרוּת, הִתְעָרְבוּת

וועטער מֶזֶג הָאֲוִיר, אֲוִיר

וועט־קאמפף הִתְחָרוּת

וועט־לויף הִתְחָרוּת בְּמֵרוּץ

וועט־לויפען הִתְחָרֵה בְרִיצָה

וועט־לויפער מִתְחָרֶה בְּמֵרוּץ

וועטען הִתְעָרֵב

וועטער־פאהן שַׁבְשֶׁבֶת

וועטער־נביא נְבִיא מֶזֶג הָאֲוִיר

וועט־קעמפפער מִתְחָרֶה בְּמִלְחֶמֶת אֶגְרוֹף

וועטשערע פַּת עַרְבִית, סְעֻדַּת עֶרֶב

וועכטער שׁוֹמֵר

וועלגערען גַּלְגֵּל

וועלגער האלץ מַעֲרוֹךְ

וועלט עוֹלָם, תֵּבֵל. **רעדען אין דער וועלט** דַּבֵּר דְּבָרִים בְּעָלְמָא; **ער ארבעט אויף וואס די וועלט שטעהט** הוּא עוֹבֵד בַּחֲרִיצוּת נִפְלָאָה; **קלוג ווי די וועלט** חָכָם כִּשְׁלֹמֹה

וועלט־אונטערגאנג חָרְבַּן הָעוֹלָם

וועלט־באריהמט מְפֻרְסָם

וועלט־געריכט יוֹם הַדִּין

וועלט־געשיכטע דִּבְרֵי יְמֵי עוֹלָם

וועלט־האנדעל מִסְחָר עוֹלָמִי

וועלטלעך חִלּוֹנִי

וועלטליכקייט חִלּוֹנִיּוּת

וועלט־מארק שׁוּק עוֹלָמִי

וועלט־מער אוֹקְיָנוֹס

וועלט־קלוג חָכָם נִפְלָא

וועלט־שפראך שָׂפָה עוֹלָמִית

וועליש אֱגוֹז. **וועלישע נוס** אֱגוֹז גָּדוֹל

וועלכער אֵיזֶה, אֲשֶׁר, שֶׁ־

וועלכערליי אֵי־אֵלּוּ

וועליג שֶׁל גַּלִּים, שֶׁל תַּלְתַּלִּים

וועלע גַּל, נַחְשׁוֹל

וועלען רָצָה, חָפֵץ

וועלקען קָמַל, כָּמַשׁ, נָבֹל

וועמען אֶת מִי?

ווען מָתַי, אֵימָתַי. **פון** — מֵאֵימָתַי

ווענדונג כִּוּוּן, נְטִיָּה, פְּנִיָּה

ווענדעל־טרעפ מַדְרֵגָה לוּלְיָנִית

ווענדען הָפֹךְ, הָסֵב, הַטֵּה. **זיך** — נָטֹה; הָיֹה תָלוּי

ווייניג מְעַט, קְצָת, קִמְעָא

ווייניגסטענס לְכָל הַפָּחוֹת

ווייניגקייט מוּעָט, מַשֶּׁהוּ, קַטְנוּת

וועסט מַעֲרָב

וועסטליך מַעֲרָבִי

וועסטעל חֲזִיָּה, אֵפוֹדָה

וועסערען־באוועסערען הַשְׁקֵה, סֵדֶר הַשְׁקָאָה

וועק־אוהר (שעון) מְעוֹרֵר

וועקסלען הַחֲלֵף

וועקסלער חַלְפָן, שֻׁלְחָנִי

וועקסעל שְׁטָר חוֹב

וועקסעל־געשעפט חַלְפָנוּת

וועקסען דַּוֵּג, צַחְצֵחַ

וועקסענער שֶׁל דּוֹנַג

וועקען הָעֵר, עוֹרֵר. **זיך וועקען** הָקֵץ, הִתְעוֹרֵר

וועקער מְעוֹרֵר

ווער מִי?

ווערבלוד גָּמָל

ווערגען חָנֹק

ווערטה עֵרֶךְ, חֲשִׁיבוּת; מְחִיר, שֹׁוִי

ווערטלעך מִלָּה בְּמִלָּה

ווערטלען הִתְלוֹצֵץ, הִתְבַּדֵּחַ

ווערטעל פִּתְגָּם, מָשָׁל

ווערטער־בוך מִלּוֹן

ווערימדיג מְתֻלָּע, מָלֵא תוֹלָעִים

ווערימען הִתָּלֵעַ

ווערמוטה לַעֲנָה

ווערען הֱיֵה, הִתְהַוֵּה

ווערק פְּעֻלָּה

ווערקצייג מַכְשִׁיר

ווערקשטאט סַדְנָה

וועש כְּלֵי־לָבָן, לְבָנִים

וועשעריי מַכְבֵּסָה

וועשערין כּוֹבֶסֶת, כַּבֶּסֶת

ז.

זא ז. אזוי

זאַאל אוּלָם

זאגע אַגָּדָה, מַעֲשִׂיָּה, בְּדָיָה

זאגעל תֹּרֶן

זאגען אָמוֹר, הַגֵּד

זאגער מַגִּיד, דַּרְשָׁן, נוֹאֵם. **זאגערקע** מַגִּידָה, דַּרְשָׁנִית, נוֹאֶמֶת

זאדע סוֹדָה, אַשְׁלָג

זאדעוואסער גָּזוֹז

זאוואד בֵּית־חֲרֹשֶׁת

זאוויעסע צִיר (שֶׁל דֶּלֶת)

זאוויערוכע סוֹפַת שֶׁלֶג, מְהוּמָה

זאט שָׂבֵעַ, לִשְׂבֹּעַ

זאטלען חָבֹשׁ

זאטלער סַרָּג, עוֹשֶׂה אֻכָּפִים

זאטלעריי רַצְעָנִיָּה

זאטעל אֻכָּף

זאטעלמאכער סַרָּג, עוֹשֶׂה אֻכָּפִים

זאטעל קיסען כַּר הָאֻכָּף

זאך דָּבָר, עִנְיָן, רעדען צו דער **זאך** דַּבֵּר לָעִנְיָן

זאכט שָׁלֵו, שָׁקֵט, לְאַט, חֶרֶשׁ, בְּנַחַת

זאכפארשטאנדיג בָּקִי, מֻמְחֶה

זאכפארשטאנדיגער מֵבִין, מֻמְחֶה

זאל ז. זאאל

זאלאָן אוּלָם, טְרַקְלִין, סָלוֹן

זאלב מִשְׁחָה

זא־בונג מְשִׁיחָה

זאלבען מָשֹׁחַ

זאלדא יִתְרָה

זאלכער ז. אזעלכער

זאלען הָיֹה, צָרִיךְ

זאלץ מֶלַח

זאלץ־אוגערקע מְלָפְפוֹן כָּבוּשׁ

זאלציג מָלוּחַ

זאלצמעסטעל מִמְלָחָה

זאלצען מָלֹחַ

זאלצקוועלע מִכְרֵה מֶלַח

זאמד חוֹל

זאמדיג שֶׁל חוֹל, מָלֵא חוֹל

זאמלער מְאַסֵּף, מְקַבֵּץ, מְלַקֵּט

זאמלען אָצֹר, אָגֹר, אָסֹף, קַבֵּץ, צָבֹר

זאמלונג אֲסֵפָה, אֲסִיפָה, קֹבֶץ, קִבּוּץ

זאמעל נאמען שֵׁם הַקִּבּוּץ

זאָמען זֶרַע פִּשְׁתִּים

זאמען זֶרַע

זאמען זיך הִתְמַהְמֵהַּ, אַחֵר

זאנג שִׁבֹּלֶת

זאנדערבאר מוּזָר, נִפְלָא, מְשֻׁנֶּה

זאנדערבארקייט זָרוּת, פְּלִיאָה

זאנדער גלייכען מֵאֵין כָּמוֹהוּ

זאנדערען אַךְ, רַק, אֶלָּא, בִּלְתִּי אִם

זאנסט חוּץ מִזֶּה, מִלְּבַד זֶה

זאנפט רַךְ, נוֹחַ, דַּק, בְּנַחַת

זאנפטמוטה רַכּוּת, מְתִינוּת, עֲנָוָה

זאנפטמוטהיג בִּמְתִינוּת, בַּעֲנָוָה, מָתוּן, עָנָו

זאפאס מַחְסָן, אוֹצָר

זאפאסנע מוּכָן, מְזֻמָּן, צָבוּר

זאפארט מִיָּד, תֵּכֶף, לְאַלְתַּר, כְּרֶגַע

זאפט מִיץ, מֹהַל, לְשַׁד, עָסִיס

זאפטיג רָטֹב, רַעֲנָן, עֲסִיסִי

זאפע סַפָּה

זאפרען כַּרְכֹּם, זַעֲפְרָן

זאץ מִשְׁפָּט; תַּעֲרֹבֶת, הַרְכָּבָה; סִדּוּר (בדפוס), שׁוּרָה (של ספרים וכד׳)

זאץ־לעהרע שִׁמּוּשׁ הַלָּשׁוֹן, סִנְתַּכְּסִ

זאָק פֻּזְמָק, גֶּרֶב

זאַק שַׂק

זאָרג דְּאָגָה

זארגלאז בְּשַׁלְוָה

זארגען דָּאֹג, הִצְטַעֵר

זוד רוֹתֵחַ

זוהן בֵּן

זויבער נָקִי

זויבערקייט נִקָּיוֹן

זויג־אם מֵינֶקֶת

זויגטהיער חַיָּה מִסּוּג הַיּוֹנְקִים

זויגלינג יוֹנֵק

זויגען יָנֹק, מָצֹה, מָצֹץ, סָפֹג

זויגער יוֹנֵק

זוים שָׂפָה, אִמְרָה, שׁוּלַיִם

זוימען עָשֹׂה שָׂפָה

זוימען זֶרַע, זֶרַע פִּשְׁתָּה

זויער חָמוּץ

זויער זאלץ מֶלַח חֲמוּצָה

זויערליך חֲמַצִי

זויערמילך חָלָב חָמוּץ

זויערפלייש בָּשָׂר כָּבוּשׁ
זויערקייט חֲמִיצוּת
זויערשטאף חַמְצָן
זויפען סָבָא
זויפער סוֹבֵא
זויפעריי סְבִיאָה, שִׁכְרוּת
זומזען הָמֹה, זַמְזֵם
זומען זַמְזֵם
זומער קַיִץ
זומערען קוּץ
זומער פויגעלע פַּרְפָּר
זומער צייג אָרִיג קֵיצִי
זומער שפרינקעל נֶמֶשׁ
זומפ בִּצָּה, רֶקֶק
זומפגעגענד מְקוֹם בִּצָּה
זון שֶׁמֶשׁ, חַמָּה
זונג זֶמֶר, שִׁיר
זונדערען הַבְדֵּל, הַפְרֵד
זונזייגער שְׁעוֹן שֶׁמֶשׁ
זונטאג יוֹם רִאשׁוֹן
זוניג שֶׁל שֶׁמֶשׁ, שֶׁל חַמָּה, שִׁמְשִׁי
זונען חַמֵּם לְאוֹר הַשֶּׁמֶשׁ; זיך הִתְחַמֵּם
זונענאויפגאנג זְרִיחַת הַחַמָּה
זונענאונטערגאנג שְׁקִיעַת הַחַמָּה
זונענסיסטעם מַעֲרֶכֶת הַשֶּׁמֶשׁ
זונענפינסטערניש לִקּוּי חַמָּה
זונענשירם שִׁמְשִׁיָּה
זופ מָרָק; לְגִימָה, גְּמִיעָה
זופלעפעל כַּף גְּדוֹלָה
זופן לָגֹם
זופפלייש בְּשַׂר מָרָק
זי הִיא
זיד נֶגֶב, דָּרוֹם
זיד־אסט דְּרוֹמִית־מִזְרָחִית
זיד ווינט רוּחַ דְּרוֹמִית
זיד וועסט דְּרוֹמִית־מַעֲרָבִית
זידליך דְּרוֹמִית
זידלען חָרֵף, גַּדֵּף, קַלֵּל
זיד־פאל הַצִּיר הַדְּרוֹמִי
זיטיג נִמּוּסִי, מוּסָרִי, עָנָו
זיטיגקייט מוּסָרִיּוּת
זיטליך מוּסָרִי
זיטע מִנְהָג, נִמּוּס, דֶּרֶךְ אֶרֶץ
זיטענלעהרע תּוֹרַת הַמּוּסָר
זיטענלעהרער מוֹכִיחַ, מוֹרֵה מוּסָר
זיי הֵם, הֵן (ג)
זיי הֱיֵה
זייגער שָׁעוֹן
זייגערעל שָׁעוֹן קָטָן
זייגערמאכער שָׁעָן

זייד מֶשִׁי
זייד הענדלער סוֹחֵר מֶשִׁי
זייד ווארים תּוֹלַעַת מֶשִׁי
זיידע סַבָּא, אָב זָקֵן
זיידענם שֶׁל מֶשִׁי
זייד־פּאפּיער נְיָר־מֶשִׁי
זיידענער שֶׁל מֶשִׁי. זיידענער יונגערמאן אַבְרֵךְ מֶשִׁי
זייהען סַנֵּן
זייהער מְסַנֵּן
זייט צַד, עֵבֶר, צֶלַע
זייט לְמִן, מִיּוֹם, מֵאָז, זֶה. זייט יענער צייט מֵאָז; לְמִן הָעֵת הַהִיא; זייט אלאנגער צייט זֶה זְמַן רַב; זייט ווען? מֵאֵימָתַי?
זייטיג צְדָדִי
זייטעל עַמּוּד
זייל עַמּוּד
זיין הָיָה
זיין שֶׁלּוֹ
זייגעטוועגען בִּשְׁבִילוֹ, בִּגְלָלוֹ, לְמַעֲנוֹ
זייניגער מִשֶּׁלּוֹ
זייען זָרַע
זייערליך חָמְצִי
זייערען חִמֵּץ, הֶחֱמִיץ

זייערקייט חָמֵץ
זייף סַבּוֹן, בֹּרִית
זייף בלעזעל בּוּעָה שֶׁל בֹּרִית
זייף וואסער מֵי בֹרִית, מֵי סַבּוֹן
זייף זיעדער מְבַשֵּׁל סַבּוֹן
זייף זיעדעריי בֵּית עֲשִׂיַּת סַבּוֹן
זייפיג מָלֵא סַבּוֹן
זייפען כִּבֵּס בְּסַבּוֹן
זייף פאבריק בֵּית חֲרֹשֶׁת בֹּרִית
זיך לוֹ, לְעַצְמוֹ, עַצְמוֹ
זיכט רְאוּת, מַבָּט
זיכטבאר נִרְאָה, נִרְאֶה לָעֵינַיִם
זיכער בָּטוּחַ, בֶּטַח
זיכערהייט בִּטְחָה, בִּטָּחוֹן
זיכערונג בִּטָּחוֹן, עֲרֻבּוֹת
זיכערליך בְּלִי סָפֵק
זיכערען הִבְטִיחַ
זיכרעקייט ז. זיכערהייט
זילבע הֲבָרָה
זילבען מאס מִשְׁקָל (בשיר)
זילבען רעטענים חִידַת הֲבָרוֹת
זילבער כֶּסֶף
זילבער בלעך פַּח כֶּסֶף
זילבערנער שֶׁל כֶּסֶף
זין שֵׂכֶל, דַּעַת, חוּשׁ, הוֹרָאָה. האבען

אין זין זָכֹר, הִתְכַּוֵּן; דער זין
פון דעם כַּוָּנָה; פְּשָׁט; ניט זיין
באם זינען הָיֹה מְטֹרָף בְּדַעַת;
אראפ פון זינען יָצֹא מִדַּעְתּוֹ

זינבילד סֵמֶל
זינבילדליך סִמְלִי
זינגלעהרער מוֹרֵה שִׁירָה
זינגען זַמֵּר, שִׁיר, נַגֵּן
זינגער מְשׁוֹרֵר, מְנַגֵּן
זינד עָוֹן, חֵטְא
זינדיג חוֹטֵא
זינדיגען חָטֹא
זינדער חוֹטֵא
זינדפארגעבונג כַּפָּרַת עָוֹן
זינקען יָרֹד, שָׁקֹעַ, צָלֹל
זינרייך מָלֵא שֵׂכֶל, מְחֻכָּם
זינשפראך מוֹטוֹ, פִּתְגָם
זיס מָתוֹק, עָרֵב
זיסליך קְצָת מָתוֹק
זיסליכקייט מְתִיקוּת
זיסען הַמְתֵּק
זיסקייט מְתִיקוּת
זיעבעטעל הַחֵלֶק הַשְּׁבִיעִי, שְׁבִיעִית
זיעבען שִׁבְעָה (ז.), שֶׁבַע (נ)
זיעבעטענס בַּשְּׁבִיעִית

זיעבענטער שְׁבִיעִי — ע שְׁבִיעִית
